STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05371

SHEYNDELE

Yehonatan Halpern

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ערשטער אקט.

ביי ר׳ העשעל׳ן אין הויז. א גרויסע נידעריגע בית-דין-שטוב. אין הינטערגרונד און רעכטס טהירען אין די וויטערע צימערן. לינקס א טהיר אין פאדער-הויז. אין מיטען שטוב א גרויסער, נישט געדעקטער טיש. ארום דעם טיש: אויבען-אן, צו רעכטס צו א גרויסער געבעטער שטוהל; פון די זייטען צוויי לאנגע בענק. ביי די ווענד: א געפארבטע הילצערנע קאנאפע, א ארון קודש, שענק מיט ספרים, א שטענדער א. ז. וו. אין דער שטוב זענען אנגעשטעלט קאשיקעס און אנגעלעגט פערשידענע קליידער און זאכען.

אין דער אפענער טהיר, וואס אין הינטערגרונד, פון וואנען ס׳הערט זיך פון צייט צו צייט, וועהרענד דעם גאנצען אקט, דאס שפיעלען פון מוזיק, דאס שארען מיט די פיס פון די טענצערינס און דאס לייכטע פלוידערען און לאכען פון פיעל פרויען געסט — בעווייזט זיך שרה׳לע אין א העל חופה-קלייד. אויפ׳ן קאפ טראגט זי א שווער, טיעף דעק-טוך און אויפ׳ן דעק-טוך א לאנגען, ווייסען וועלאן. הינטער איהר זעהט זיך שיינדעלע אויך אין א העל קלייד. צווישען דעם גערויש פון מוזיק און טאנצען הערען זיך עטליכע יונגע פרויען-שטימען.

פרויען-שטימען: שיינדעלע! דו נעהמסט גאר אוועק פון אונז די כלה!

שיינדעלע: האט נישט קיין מורא, נישט אויף לאנג, כ׳וועל זי אייך באלד צוריקברענגען.

(שרה׳לע און שיינדעלע קומען איינגאנצען אריין. שיינדעלע פערמאכט הינטער זיך די טהיר).

שרה׳לע (אבעטהעמדיג טיעף): א-א... ווי קיהל דא איז — א פערגעניגען! כ׳האב שוין נישט געקאנט אויסהאלטען דרינען. דערמאן דיך נאר, צו זיצען אזוי פיעל שעה׳ן אין אזא היץ!

שײנדעלע: צו וואָס האָסטו נאָך געלאָזט דיר אַרויפֿלײגן אַזאַ טוך אויפֿ'ן קאָפּ?

שרה'לע: וואָס האָב איך געקאָנט טהאָן? ס'זענען אַרײַנגעקומען דער זײדעשי, די מחותנים (שעמעוודיג) און ער...

שײנדעלע: אָבער איצט קאָנסטו דאָך עס אויסטהאָן!

שרה'לע: ס'לוינט שוין נישט, ווי לאַנג נאָך? אײדער ס'זאָלען זיך מאַכען טענות, וועל איך שוין בעסער געהן דערין די פּאָר שעה.

שײנדעלע: אָבער קוק דיך נאָר אָן, ווי דו זעהסט אויס אין דעם! (נעהמט אַ שפּיגעלע פֿון טיש) נאַ, שפּיגעל דיך אָן, וועסטו אַלײן זעהן. דו זעהסט אויס, ווי אַ פֿערשטעלטע.

שרה'לע (נעהמענדיג ס'שפּיגעלע מיט אַ שמײכעל)**:** דו פֿערגעסט, אַז בײַ מײַן מחותנת'טע וועל איך גיכער אויסזעהן ווי אַ פֿערשטעלטע, ווען כ'וועל דאָס טוך אויסטהון. (זי קוקט אין שפּיגעלע און מאַכט אַ אונצופֿרידענע גרימאַסע. שטעלט אַוועק ס'שפּיגעלע אויפֿ'ן טיש, שטעלט זיך אַקעגענאיבער און פּרובירט בעסער צו מאַכען ס'דעק-טוך. זי רוקט עס אַרויף, אַראָב און דער זײַט און בלײַבט אַלץ אונצופֿרידען. ענדליך נעהמט זי עס אינגאַנצען אַראָב און בלײַבט אַ ווײַלע שטעהן שמײכלענדיג צופֿרידען צו זיך זעלבסט. זי לעגט אונבעמערקט אַוועק דאָס דעק-טוך אויפֿ'ן טיש און פֿעררוקט זיך בײַם שפּיגעלע די פּריזורע, פֿעררוקט מעהר אָן אַ זײַט די שלײף פֿון איהר טאַליע-באַנד, לעגט בעסער די פֿאַלדען פֿון קלײד א. ז. וו.)

שײנדעלע (צוהעלפֿענדיג שרה'לען אין איהר אַרבײט. שפּאָטיש)**:** דײַן מחותנת'טע... (ערנסט) דו ווײסט, שרה'לע, דער חתן דײַנער געפֿעלט מיר: ער איז אַ שענער יונג מיט אַ פּאָר לעבעדיגע, קלוגע אויגען, נאָר אַ מחותנת'טע, אַ שווינגער בעקומסט דו — בין איך דיך גאָרנישט מקנא: זי איז בלויז הימעל און וויל גאָרנישט וויסען, אַז די וועלט איז אויך עפּיס ווערטה. כ'האָב נישט ליעב אַזעלכע מענשען.

שרה'לע (אַ ביסעל אונרוהיג)**:** צי איז שוין עפּעס פֿאָרגעקומען צווישען אײַך?

שײנדעלע: זעה נאָר, ווי צוקנײטשט דײַן טאַליע-באַנד איז!

שרה'לע: יאָ, ס'אײזען איז קאַלט געוועזען און האָט נישט געוואָלט פּרעסען.

שיינדעלע: דו קאָנסט אָבער נישט געהן אַזוי. נעהם דיר מיין באַנד.
(בינדט זיך אָב די שאַרפּע פון איהר קלייד).

שרה׳לע: און וואָס וועסט דו האָבען?

שיינדעלע: איך וועל מיר שוין העלפען. איך בין דאָך נישט קיין כּלה... פאַר מיר וועט די שמאָלע באַנד פון שלאָפראָק אויך גוט זיין.

שרה׳לע (נעהמענדיג פון שיינדעלע׳ן די באַנד): ציז איז עפּיס פאָרגעקומען צווישען דיר מיט מיין מחותנת׳טע, וואָס דו ביזט אויף איהר אַזוי בייז?

שיינדעלע: וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען? כ׳קען גלאַט נישט ליידען קיין גן-עדן-פּאַנעס און נאָך דערצו אַזאַ בעיאָמערטע.

שרה׳לע: וואָס ווילסטו פון איהר האָבען? זי איז דאָך אַ פאַרצייטיש מענש.

שיינדעלע: אַ פאַרצייטיש מענש — דיין מוטער, די שוויגער מיינע איז אויך אַ פאַרצייטיש מענש און דאָך איז זי גאָרנישט אַזוי בעוויינט... נעהם דיר אַ ביסעל העכער דעם טרען. דיין מוטער איז אויך שוין נישט קיין יונג ווייבעל און דאָך איז אַ פערגעניגען מיט איהר צוזאַמען צו זיין. זי איז פרום — איז זי פרום פאַר זיך און פערגינט אַנדערע צו געניסען פון דער וועלט.

שרה׳לע: און די מחותנת׳טע פערגינט דען נישט, חלילה, עמיצען?

שיינדעלע: ניין, זי פערגינט נישט! אַ מענש, וואָס לאַכט זיך קיינמאָל נישט אויס, אַ מענש, וואָס ווערט פון קיין שום זאַך נישט אויפגערעגט און דרעהט זיך שטענדיג אַרום מיט אַ גאָטספאָרלטיג פערזאָרגט פּנים און קוקט אויף דער גאַנצער וועלט, ווי אויף עפּיס אַ נאַרישע זינדיגע זאַך — אַזאַ מענש קאָן נישט פערגינען. זי קאָן נישט זעהן קיין שטיפען, קאָן נישט הערען קיין לאַכען. באַלד זעהט יענער ביי איהר אויס ווי אַ זינדיגער, און זי פערגלאָצט באַלד די אויגען צום הימעל, ווי זי וואָלט וועלען זאָגען: זעה נאַר, גאָטעניו, ס׳אַרא זינדיגער מענש דאָס איז. זי איז די וועלט׳ס שונא, און דעריבער קאָן איך זי נישט ליידען.

שרה׳לע: די מחותנת׳טע האָט דיר געמוזט עפּיס זאָגען, און דעריבער ביזטו אַזוי בייז אויף איהר.

שיינדעלע: דו האסט א טעות. זי האט מיר גארנישט געזאגט, און ווען זי וואלט מיר אפילו יא געזאגט עפעס, וואלט עס מיך אויך נישט פערדראסען. פערקעהרט, זי וואלט נאך ביי מיר אויפגעשלאגען דערמיט. ווארום כ'פערשטעה דאך גאנץ גוט, אז דעם, וואס איז פרום, קאן איך נישט געפעלען, און ווען דיין מחותנת'טע וואלט געפרובט מיך אויס'מוסר'ן, וואלט איך עס געפינען פאר גאנץ נאטירליך פון איהר זייט. זי האט אבער גארנישט אנגעהויבען מיר צו זאגען מוסר און איז מיט מיר הארצעשי-קרוינעשי, אזוי ווי זי וואלט אין מיר גאר קיין שלעכטס נישט געזעהען — און דאס פערדריסט מיך ערשט. צו וואס האט זי זיך צו פערשטעלען!

שרה'לע (מיט א שמייכעל): אפשר זעהט זי טאקי נישט קיין שום שלעכטס אין דיר; קאן זיין, אז זי פערשטעהט אויך שוין, דאס די אלע זאכען זענען נישט אזעלכע געוואלדיגע פערברעכען.

שיינדעלע: יא, דאס קאן איך שוין גלויבען. כ'בין מיך חאטש נוקם אן איהר: וואס מעהר זי וויל מיר ווייזען, אז זי האלט מיך פאר גאר גוט, אלץ מעהר ווייז איך איהר ווי נישט פרום איך בין. היינט אין דערפריה, ווען זי איז געוועזען ביי מיר, האב איך פונקט געהאט אנגעטהון יוסעלע'ן און האב איהם געהאלטען אויף דער האנד. יוסעלע, ווייסטו דאך, ווער ס'זעהט איהם, מוז צו איהם לאכען און זיך אנגעבען מיט'ן. היינט איז ער אבער נאך שענער געוועזען ווי אלעמאל. אין דעם נייעם ראזען קליידעל האט ער אויסגעזעהן טאקי נאר ווי א מלאכ'ל און האט געמאכט אזעלכע קונצלעך און חנ'דעלעך, אז דיין פערוויינטע מחותנת'טע האט זיך שוין נישט געקאנט איינהאלטען און האט צו איהם געשמייכעלט. דערנאך, ווען זי האט שוין געוואלט אוועקגעהן, האט זי אבגעריסען א טראלז פון איהר פאטשיילע און עס ארויפגעווארפען אויפ'ן קינד — א שטיקעל פארב פאר א עין-הרע. „ס'איז איבריג, מחותנת'טע. איהם שאדט נישט קיין עין-הרע" — האב איך מיך אנגערופען ערנסט. „וואס? ער טראגט א קמיע'לע?" האט זי מיך געפרעגט. „ניין. כ'האב א סגולה". „אהא, דיין עלטער-שוועה האט דיר דאס אודאי געגעבען?" האט זי צו מיר געזאגט. „ניין", זאג איך, „ס'איז מיין אייגענע סגולה: כ'גלויב נישט

אין די אַלע נאַרישקייטען. דאָס איז די בעסטע סגולה". האַ־האַ־האַ! דו האָסט געבּרויכט זי דעמאָלט צו זעהן. זי איז געבּליבּען שטעהן אָפען מיט׳ן מויל. אָ, אַזוי! (זי מאַכט נאָך) „וואָס וואונדערט זיך אַזוי די מחותנת׳טע? די סגולה איז ביי איהר אַ נייעם?" — האָבּ איך זי מכלומרשט ערנסט געפרעגט. זי האָט מיר גאָרנישט געענטפערט, נאָר האָט אַ קוק געגעבּען אויף מיר מיט אַ פּאָר אויגען, נאָר צו דער־שטעכען.

שרה׳לע: אויף וואָס טויג דיר דאָס זיך צו רייצען מיט איהר?

שיינדעלע: נו פאַרוואָס פערשטעלט זי זיך פאַר מיר? פאַרוואָס כאַפּט זי זיך מיט מיר ארום, ווערהענד זי איז מיר אַ שונא? ווען כ׳זעה, מאַכט זי אַ זיס פּנימ׳ל, ווי זי וואָלט מיר וועלען ס׳לע־בּען אוועקגעבּען, און אַזוי, ווי כ׳גיב מיך נאָר אַ דרעה אַוועק, שאָ־קעלט זי מיר נאָך מיט׳ן קאָפּ. לאָז זי זיין מיט מיר אָפענהער׳ציג; לאָז זי אָפען ווייזען, וואָס זי קלערט וועגען מיר. קיין פערשטעלטע מענשען האָבּ איך... זעה נאָר! וואו האָסטו דיר עפּיס געמאַכט אַזאַ פלעק אין קלייד?

שרה׳לע: מען זעהט טאַקי אַ פלעק? דער גערעטענער סאַרווער האָט דאָס מיר געמאַכט: ער האָט פערגאָסען אַ גלעזעל ווישניק. אַזאַ ענגמת־נפש... און פּונקט האָט ער געטראָפען אויפ׳ן שענסטען אָרט!

שיינדעלע: אַ שאָד, אַזאַ שען קליידעל... האָסט געבּרויכט באַלד אַוועקוואַשען.

שרה׳לע: כ׳האָבּ באַלד געוואַשען און געריבּען, און ס׳האָט גאָרנישט גע׳פּועל׳ט. אַזאַ אונבּעהאָלפענער: ער טיילט אַרום עטלי־כע גלעזעלעך ווישניק, מוז ער ערשט האַלבּ פערגיסען. כ׳האָבּ׳ן כאָטש אויסגעזידעלט.

שיינדעלע: וואָס איז ער שולדיג? האָט ער עס דען עקסטרא גע־טהאָן? ער האָט מסתמא אַליין געווג קרענקונג דערפון. נאָר אַ שאָד... דו ווייסט וואָס? פערנעהם דיר דאָ מיט דער שאַרפּע... אָט אַזוי... מ׳זעהט שוין גאָרנישט. דו ווייסט — דו זעהסט אויס פּרי־מאַ אין דעם קלייד. ס׳ליעגט אויף דיר ווי אָבּגעגאָסען.

שׂרה'לע. (בעקוקט זיך): יאָ, ס'ליעגט גוט. אלע קלײדער מײַנע זענען גוט אַרויסגעקומען.

שײַנדעלע: זעהסטו! און האָסט דוקא געוואָלט אַוועקגעבען אין דער פרעמד צו מאַכען די וויפּראַווע. פאַרוואָס זאָלען נישט פערדינען הײמישע בעלי־מלאכות?

שׂרה'לע (האָט געענדיגט איהר טואַלעט, דרעהט זיך אום צו שײַנדעלען. ערנסט): שײנדעלע, זײַ אײַנגעהאַלטען מיט ווערטער, ווען דו רעדסט מיט מײַן מחותנת'טע. כ'קאָן דאָך דיך: דו האָסט ליעב יעדען צו זאָגען דעם אמת. ס'קאָן דיר נאָך אײַנפאַלען איהר עפּיס צו זאָגען און ס'קאָן זיך מאַכען עפּיס אַנ'עגמת־נפש.

שײַנדעלע: וואָס פאלט דיר אײַן? כ'וועל שלעכט בעהאַנדלען אונזערס אַ גאַסט און נאָך דערצו אַ עלטער מענש?

שׂרה'לע (זעצט זיך אויף דער קאנאפּע): דו ווייסט — כ'בין אַזוי אונרוהיג, כ'האָב אַזוי מורא, אַז ס'זאָל נישט אַרויספּלאַצען עפּיס אַ מחלוקה... כ'קאָן דאָך נישט גלויבען, אַז די מחותנים וועלען אַזוי גאָר אין גוטען בעשטעהן אויף מײַן פּיהרעכץ. איבערהויפּט די מחותנת'טע. זי הערט נישט אויף צו שאַרצען מיט דער נאָז: די העמדער זענען צופיעל דעקאָלטירט און מיט קורצע אַרבעל, די קלײדער זענען פּריציש — גאָר טויג נישט. אויף אַלעם געפינט זי עפּיס אַ חסרון. פאַר'ן בעדעקענס, ווען דו ביזט אַהײמגעגאַנגען צום קינד, האָט זיך שיעור געמאַכט אַ חתונה: אַ גאַנצע חברה ווײַבער האָבען זיך מיר אַרומגעשטעלט און האָבען געוואָלט מיר אויפפלעכטען און צופלעכטען די האָהר...

שײַנדעלע (זעצט זיך געבען שׂרה'לען מיט אַ שמייכעל): דאָס איז דאָך אַ סגולה: צופלעכטען די האָהר בײַ אַ כלה פאַר'ן בעדעקענס, איז אַ סגולה אויף קינדער, אויפפלעכטען איז ווידער אַ סגולה גרינג צו האָבען.

שׂרה'לע: כ'ווייס דאָס. אָבער וואָס געהט עס מיך אָן? פאַרוואָס דאַרף איך עפּעס דינען עמיצען מיט מײַנע האָהר פאַר אַ סגולה? נו, האָסטו געדאַרפט צו זעהן, ווי בײז די מחותנת'טע איז געוואָרען. זי איז באַלד צוגעלאָפען מיט אַ פּרעטענסיע צו דער מאַמעשי, און ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו מאַכען אַ גע'טענה'כץ. אַ מערכה, וואָס פונקט זענען אַרײַנגעקומען די מענער בעדעקען און

ס'איז שטיל געװאָרען. אָבער אויף װי לאַנג? אַז אַלע מינוט געפינט זי אַן'אַנדערע עבירה.

שײנדעלע: אָבער װאָס אַרט דיך דאָס, װאָס זי געפינט עבירות? דו טהו דיר ס'רײניגע און געװג.

שרה'לע: מוז איך דאָך מיך קריגען.

שײנדעלע: צו װאָס זאָלסטו זיך קריגען? דו דאַרפסט גאָרנישט טענה'ן, נאָר טהון װי דו פערשטעהסט.

שרה'לע: גאָרנישט טענה'ן און טהון װי דו פערשטעהסט — יאָ, זאָגען זאָגט זיך עס גרינג. דו מײנסט, אַז ס'איז ליעב צו זעהן, װי אַלע דרעהען זיך אַרום מיט ברוגז'ע פּנימ'ער?

שײנדעלע: װער אַלע? אַלץ די מחותנת'טע?

שרה'לע (שעמעװדיג): און ער...

שײנדעלע: װער? דער חתן? (שרה'לע שאָקעלט אויף יאָ) אײ ביזטו נאָך אַ נאַר! דו מײנסט טאַקי, אַז ער װעט שטענדיג זײן אַזאַ בטלנ'דיל, װי הײנט? דאָס איז ער געװעזען אַזױ לאַנג װי ער איז געװעזען בײ זײנע עלטערן; בײ דיר װעט ער שנעל אַנדערש װערען. מ'ברויך נישט מעהר װי מײן מאַן איז געװעזען פאַר דער חתונה. ער איז דאָך דײן ברודער, געדענקסט דאָך מסתמא, װי פאַנאַטיש ער איז געװעזען! זאָג, איז ער נישט הײנט אינגאַנצען אַ אַנדערער מענש?

(דורכ'ן הינטערגרונד קומט אַרײן מלכה־לאה. שרה'לע הויבט זיך אויף און געהט איהר אַנטקעגען).

מלכה־לאה: דו ביזט גאָר דאָ, כלה? און איך זוך דיך אַרום.

שרה'לע: כ'בין דאָ אַרײנגעגאַנגען זיך אַ ביסעל אָפּקיהלען. כ'האָב שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטען די היץ דרינען. די מחותנת'טע ברויך מיך עפּיס?

מלכה־לאה: נײן, אַז ס'איז דיר הײס, קאָנסטו זיצען דאָ אַ ביסעל. הינען איז טאַקי קיהלער. כ'האָב גלאַט נישט געװאוסט, װאו דו ביזט מיר עפּיס פּלוצלונג אַהינגעקומען. אָבער דו זיצסט דאָ גאָר אַלײן? דו פערגעסט, אַז דו ביזט אַ כלה און טאָרסט נישט זײן אַלײן אין אַ שטוב! נאָך גוט װאָס ס'איז מיר אײנגעפאַלען צו געהן זעהן װאו דו ביזט.

שׂרה׳לע: כ׳בין נישט אַליין, מײַן שוועגערין שײַנדעלע איז דאָך דאָ מיט מיר.

מלכּה־לאה (שמייכעלט ליעבליך צו שײַנדעלע׳ן, וועלכע קומט צו): אָ, דו ביזט אויך דאָ! כ׳האָב דיך גאָרנישט געזעהן.

שײַנדעלע: די מחותּנת׳טע זעהט, ווי אַ גוטע שוועגערין איך בין? כ׳היט אָב שׂרה׳לען, זי זאָל נישט בלײַבען אַליין. כ׳האָב נאָר געזעהן, אַז זי געהט דאָ אַרײַן, בין איך באַלד מיטגעגאַנגען.

מלכּה־לאה (ליעבליך): יאָ, ס׳איז גאַנץ גוט אַזוי. (צו שׂרה׳לען) נו, פון הײַנט אָן, מײַן קינד, וועסטו שוין האָבען אַ מאַן ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, וואָס וועט דיך אָבהיטען.

שײַנדעלע (מיט אַ געמאַכט ערנסטקײַט): אַזוי? וועט מען זי ווײַטער אויך דאַרפען היטען? און איך האָב געמײַנט, אַז נאָר הײַנט, ווען זי איז אַ כּלה, טאָר זי נישט זײַן אַליין.

מלכּה־לאה: אַ יודישע טאָכטער דאַרף שטענדיג, מ׳זאָל זי אָבהיטען, וואָרען וואָס קאָן, משטײַנס געזאָגט, אַ זינדיגע יודענע ווי־סען, ווען נישט אַ מאַן, אַ בן־תּורה זאָל זי אָבהיטען און זאָגען וואָס מען טאָר נישט.

שײַנדעלע: אָ, וועגען דעם קאָן די מחותּנת׳טע רוהיג זײַן. שׂרה׳לע איז אַ רבּ׳ס אַ אייניקעל און דערצו נאָך אַ וואוילע קענערין און ווייסט אַליין, וואָס יאָ און וואָס נישט (שׂרה׳לען), ס׳וואָהר, שׂרה׳לע? (שׂרה׳לע ציהט זיך בײַם אַרבּעל, זי זאָל שווײַגען).

מלכּה־לאה: (וואַרפט אַ בייזען בליק אויף שײַנדעלע׳ן. צו שׂרה׳לען) נו, כּלה, קום אַרײַן צו די געסט. ס׳פּאַסט נישט צו לאָזען זיי אַזוי לאַנג גאָר אַליין. (בעמערקענדיג פּלוצלונג) וואָס האָסט דו געטהון, שׂרה׳לע? וואו האָסט דו ס׳דעקטוך? (דערזעהט ס׳טוך אויפ׳ן טיש און נעמט עס) טהו אָן געשווינד. דו פערגעסט גאָר, אַז דו ביזט שוין נישט קיין מיידעל און טאָרסט מעהר נישט געהן מיט די בלויזע האָהר.

שײַנדעלע: לאָז די מחותּנת׳טע געהן לאָזען מיט דעם. זי זעהט דאָך אויס דאַרין, ווי אַ פּורים־שפּיעלער.

מלכּה־לאה: וואָס זאָגסט דו עפּעס, כ׳זאָל געהן לאָזען? מ׳טאָר דאָך נישט אַזוי!

שיינדעלע: פאַרוואָס טאָר מען נישט? איך ווייס, אַז אַ כּלה דאַרף זיין שעהן. אדרבא, לאָז די מחותּנת'טע אַליין זאָגען: איז זי נישט שענער אַזוי, אַלס מיט אַ פערדרעקטען קאָפּ?

מלכּה-לאה: כ'בעט דיך, לאָז גיין איצט מיט געלעכטערן. דאָס איז קיין שפּאַס. מ'טאָר נישט. (ווייל אָנטהון שרה'לען ס'טוך)

שיינדעלע (נעמט עס ביי איהר צו): פאַרוואָס האָט די מחותּנת'טע נאָך גענומען אַזאַ טוך? וואו זעהט מען דאָס היינט? היינט, אַז מען בעדעקט, פערנעמט מען אַ ביסעל געדיכטער דעם שלייער און גענוג.

מלכּה-לאה: וואָס פערצעהלסטו מיר מעשׂיות פון היינט? איך בין אַ פאַרציייטיש מענש און וויל נישט וויסען, וואָס היינט איז.

שיינדעלע: די מחותּנת'טע דאַרף אָבער געדענקען, אַז שרה'לע איז אַ היינטיש מענש און האָט דאָס רעכט נישט צו וועלען וויסען, וואָס ס'איז פאַרציייטענס געוועזען.

(מלכּה-לאה נעמט ראָש אָב ס'טיכעל פון שיינדעלע'ן און וויל עס אָנטהון שרה'לען).

שרה'לע (אוועקבויגענדיג לייכט דעם קאָפּ): ניין, מחותּנת'טע, כ'וועל אַ ביסעל געהן בלויז. דאָ הינען זעהט דאָך קיינער נישט. ס'איז מיר אַזוי היים...

(מלכּה-לאה שטעהט אַ ווייל, ווי איבערראַשט. ענדליך לעגט זי אַניידער ס'טוך און געהט שנעל אַרויס)

שרה'לע (אונרוהיג): איצט וועט זיך מאַכען.

שיינדעלע: געה שוין, ס'וועט זיך גאָרנישט מאַכען; זי וועט זיך אַ ביסעל אויסבייזערן און מעהר נישט. זי קלערט גלאַט אויס אַזעלכע זאַכען, וואָס מ'זעהט שוין נישט אין ערגער. פּויזע) האָסט געזעהן? צום ערשט האָט זי געזאָגט, אַז דו קענסט דאָ זיצען און דערנאָך, אַזוי ווי זי האָט נאָר מיך דערזעהן, האָט זי דיך באַלד געהייסען אַריינגעהן מכּלומרשט צו די געסט. דאָס האָט זי געוואָלט דיך אַוועקפיהרען פון מיר. כ'האָב שוין עטליכע מאָל בעמערקט, אַז זי גיט אַכטונג, דו זאָלסט נישט בלייבען מיט מיר אַליין. זי מיינט, אַז ווען דו וועסט דיך נאָר נישט חבר'ן מיט מיר, וועסט דו שוין זיין אַ גוט פרום לעמעלע, און זי וועט קאָנען מיט דיר אַלץ מאַכען.

שרה׳לע: און זי וואָלט טאַקי מיט מיר אַלץ געמאַכט, ווען כ׳האָב ניט דיך. דו ווייסט גלויבען — נעבען דיר בין איך גאָר אַ אַנדערער מענש. ווען כ׳האָב דיך נעבען זיך, פיהל איך מיך דרייסט, פעסט און האַלט זיך פעסט ביי דאָס מייניגע, און אָהן דיר בין איך עפּיס אַזוי שוואַך, כ׳פיהל זיך עפּיס אַזוי אַליין, אַז כ׳פאַל באַלד איבער די הענד.

(דורכ׳ן הינטערגרונד קומט אַריין אסתר׳ל).

אסתר׳ל: וואָס איז דאָס דאָ געוועזען? די מחותנת׳טע איז דאָך עפּיס אַריינגעקומען פון דאַנען אַזוי צוקאָכט?

שרה׳לע (איבערגעשראָקען): וואו איז זי איצט?

אסתר׳ל: זי איז דרינען. זי רעדט עפּיס אַריין מיט אַזאַ היץ אין דער מאַמעשי.

שיינדעלע: זי רעדט שוין ווידער אַריין אין דער שוויגער! וואָס נאָר עפּעס, לויפט זי באַלד צו איהר מיט אַ מסירה, ס׳איז מיר אַ רחמנות די שוויגער; כ׳פערשטעה, וויפיעל געזונד דאָס קאָסט זי, זי איז דאָך אַ גוטע און וויל אַלץ יעדען צופריעדען שטעלען.

אסתר׳ל: אָבער וואָס איז דען דאָ געוועזען?

שיינדעלע: גאָרנישט, ס׳לוינט נישט צו רעדען דאַפון. כ׳האָב איהר געזאָגט, אַז היינט בעדעקט מען שוין נישט מיט אַזעלכע גראָבע טיכער ביז איבער די אויגען.

שרה׳לע: כ׳וואָלט נאָר גערן געוואָלט ווייסען, וואָס זי קלערט זיך, מיין מחותנת׳טע? צו מיינט זי טאַקי, אַז וויל כ׳בין איהר כלה, טאָר איך שוין גאָרנישט האָבען מיין דעה און מוז אין אַלעם נאָר קוקען איהר אין מויל? ציים זי איז געקומען, האָט זי נאָך נישט אויפגעהערט אויסצוזוכען אין מיר אַלע מינוט עפּיס אַנדערש צו טאַדלען. נאָר געפעלט איהר נישט! כ׳רעד צופיעל, כ׳לאַך צו הויך; זי האַלט כסדר אין איין קאָמאַנדעווען מיט מיר: דאָס טהו נישט, דאָס רעד נישט, מיט דעם זיי ברוגז, מיט דעם חבר — פונקט, ווי כ׳וואָלט געוועזען איהר פערקויפטער שקלאַף.

שיינדעלע: דו ביזט עס דיר אַליין שולדיג. ווער הייסט דיך לאָזען זיך פון איהר אַרומפיהרען? אַ מענש דאַרף האָבען ענערגיע.

שיינדעלע

שרה'לע: כ'ווייס, אז כ'בין עס מיר אליין שולדיג, כ'האב באלד אין אנהויב געבראכט מיך מיט איהר אפען ארורכשמועסען; כ'האב איהר געדארפען צו זאגען, אז כ'בין שוין נישט קיין קליין קינד, וואס מ'זאל מיך דארפען פיהרען. וואס זאל איך אבער טהון, אז כ'קאן נישט. כ'בין צו גוט.

שיינדעלע: דאס הייסט נישט צו גוט — דאס הייסט צו שוואך.

שרה'לע: דו ביזט אפשר גערעכט, כ'בין אפשר טאקי צו שוואך. נאר וואס איז מיר א חילק ווי ס'איז — כ'קאן דאך נישט, כ'בין שוין עטליכע מאל אזוי בייז געווארען, אז כ'האב שוין געוואלט איהר ארויסזאגען. נאר יעדעס מאל בעפאלט מיך עפיס א מורא, און זאג נישט. כ'האב שוין געקלערט דיך צו בעטען, דו זאלסט מיט איהר רעדען, נאר כ'ראב מיר איבערגעלעגט: דו האסט אהן דעם אויך גענוג שונאים, מ'זאגט אזוי אויך, אז דו האסט אונז אלע קאַליע געמאכט. צו וואס זאלסט דו דיר נאך איבער מיר פערשאפען פרישע שונאים און נאך מעהר מאכען מענשען רעדען פון דיר.

שיינדעלע: אויף דעם דארפסט דו נישט צו קוקען: איך מאך מיר וועניג פון דעם, וואס דיין מחותנת'טע אדער נאך ווער דארט, וועלען אויף מיר בייז זיין. כ'וויל נאר, אז די, וואס זענען מיר ליעב, זאלען מיך ליעב האבען—און דאס האב איך: דו און דיין מוטער האבען מיך ליעב, דוד'ל האט מיך ליעב, מיין קליין שועלבעלע האט מיך ליעב, א פאר גוטע פריינד, וואס געפעלען מיר, האב איך אויך—און דאס איז פאר מיר גענוג. וועגען מעהר קימער איך מיך נישט.

אסתר'ל: און מיך רעכענסט דו נישט?

שיינדעלע: אויף דיר בין איך בייז.

(דוּרכ'ן הינטערגרונד קומט אריין מירעלע. שיינדעלע און שרה'לע לויפען איהר אקעגען).

שיינדעלע: די שוויגער איז גוט בייז אויף מיר?

שרה'לע: די מאמעשי איז אודאי אויף מיר בייז?

מירעלע: נארישע קינדער! וואס פאלט אייך איין? אויף אייך וועל איך בייז זיין? פארוואס?

שרה׳לע: אָבער מיר פערשאַפען דאָך דיר קרענקונג מיט אונזער פּיהרעכץ! די מחותנת׳טע האָט דאָך דיר מסתמא אַנדער־צעהלט גאַנצע מעשיות פון מיר מיט שיינדעלע׳ן?

מירעלע: וואָס פאַלט דיר איין? זי האָט מיר גאָרנישט אזעלכע שרעקליכע פערצעהלט, אז כ׳זאָל אזש אויף אייך בייז ווערען. ס׳פערדריסט מיך נאָר, וואָס די מחותנת׳טע האָט עגמת־נפש. אָבער וואָס זענט איהר שולדיג אין דעם? איהר זענט דאָך יונגע קינדער.

שיינדעלע: די שוויגער איז אַ גוטע... כ׳האָב זי ליעב... אויף מיין וואָרט, כ׳האָב זי ליעב. (פון הינטערגרונד הערט זיך דאָס שפּיעלען פון אַ וואַלס. שיינדעלע נעמט אַרום מירעלע׳ן צום טאַנצען) די שוויגער וועט מיט מיר טאַנצען אַ וואַלס (מירעלע ווערט זיך לייכט, לאַבענדיג) די שוויגער וועט טאַנצען... זי האָט נאָך היינט קיין איינמאָל נישט געטאַנצט מיט מיר... (זיי טאַנצען)

מירעלע (מיט אַ געלעכטער): וואָס טהוט זיך מיט דיר... משוגענע... לאָז אָב... וואָס טהוט זיך מיט דיר... ס׳איז נישט שען, מ׳קוקט אַריין... אויף מיין וואָרט, מ׳קוקט אַריין... לאָז אָב, משוגע־נע... (זיי שטעלען זיך אָב. אַלע לאַכען) אוי, אַ ווילד קינד דו ביזט... אוי, כ׳האָב מיך אָנגעאַרבייט... וואַרט, כ׳וועל דיר שוין בעצאָהלען! אם־ירצה־השם אויף יאָסעלע׳ס חתונה וועל איך דיך נעמען מיט געוואַלד צום טאַנצען און וועל דיך נישט אָבלאָזען אַזוי שנעל.

שיינדעלע: פאַר דעם האָב איך נישט קיין מורא: אויף מיין יאָסעלע׳ס חתונה וועל איך אַזוי פיעל טאַנצען, אַז די שוויגער וועט גאָרנישט האָבען, ווען מיך צו נעמען מיט געוואַלד.

מירעלע: נו, מ׳וועמיר שוין זעהן, איצט, קינדערלעך, לאָמיר אַריין גערן, ס׳קאָן די מחותנת׳טע פערדריסען, וואָס מיר זיצען אַלע דאָ און לאָזען זי דרינען אַליין.

(שרה׳לע שטעהט אין פערלעגענהייט און קוקט אונצופריעדען אויפ׳ן דעקטוך, וואָס ליעגט אויפ׳ן טיש. שיינדעלע בעמערקט עס).

שיינדעלע: וואַרט, כ׳וועל דיר פערנעמען דעם שלייער אָנשטאָדט דעם דעקטוך. כ׳וועל נאָך ברענגען אַפּאָר שפּילקעס. (לויפט אַרויס דורך רעכטס, מיטזינגענדיג דעם וואַלס, וואָס הערט זיך פון דער חתונה־שטוב).

אסתר׳ל (זעצט זיך אויף דער קאנאפע) : זי איז נאך ווייטער אזוי ווילד און ליעב ווי אמאל. דורך די צוויי יאהר, וואס כ׳בין נישט היע געוועזען, האט זי זיך אויף קיין האר נישט געענדערט.

מירעלע: א, שטענדיג איז זי אזוי; שטענדיג איז זי פרעהליך און לאבענדיג, ווי א קינד — אזוי, אז יעדער מוז זי ליעב האבען. אפילו דער זיידע דיינער, דו געדענקסט דאך, ווי בייז ער איז אויף איהר געוועזען אין תחילת? היינט האט ער זי כמעט ליעבער פון אונז אלע. וואס דען? אזוי ווי דו איז גוט? האסט דיר אנגעטהון א זויער פנים און צייט דו ביסט היע, האסט דו זיך נאך נישט אויסגעלאכט. דו וואלסט דיך טאקי געמעגט א ביסעל לערנען ביי איהר, לערנען ווי אזוי א יונג ווייבעל דארף צו לעבען.

שרה׳לע (מיט א געלעכטער) : די מאמעשי הייסט זיך לערנען ביי שיינדעלע׳ן, און מיין מחותנת׳טע הייסט מיך מיט איהר ברוגז זיין, כדי כ׳זאל מיך נאר נישט, חלילה, אנלערנען פון איהר.

מירעלע: וואס? זי וויל מיר גאר אנמאכען א מחלוקת אין הויז! ווייסט נאר נישט שיינדעלע דאפון?

שרה׳לע: זי מערקט זיך עפיס, נאר האב נישט קיין מורא, מאמעשי: שיינדעלע איז נישט פון די מענשען, וואס געפינען זיך בעליידיגט פון אזעלכע זאכען, און איך בין אויך נישט אזא נאר, אז כ׳זאל הארכען די מחותנת׳טע און זיך צוקריגען, מיט וועמען זי וועט...

(שיינדעלע קומט צוריק אריין און געהט צו צו שרה׳לען).

שיינדעלע: (מיט א געלעכטער צו שרה׳לען) נו, קום אהער, כלה, כ׳וועל דיך באדעקען.

(זי פערלעגט איהר דעם שלייער און בעפעסטיגט מיט שפילקעס, מירעלע געהט דערוויל צו צו אסתר׳ן און זעצט זיך נעבען איהר).

מירעלע: אסתר׳ל, וואס איז דאס טאקי, וואס דו ביסט אזוי פערזארגט און טרויעריג? כ׳האב דיך שוין עטליכע מאל געפרעגט, און דו קומסט יעדעס מאל אב מיט עפיס א תירוץ. בין איך דיר דורך די צוויי יאהר געווארען אזוי פרעמד, אז דו קאנסט מיר שוין נישט פערטרויען און אראבערעדען זיך פאר מיר? (אסתר׳ל וויל עפיס ענטפערן, מירעלע לאזט נישט) ניין, ענטפער נישט. איידער דו זאלסט מיר ווידער זאגען עפיס א תירוץ, איז גלייכער, אז דו זאגסט מיר

גאָרנישט... האָסט אפשר דאָרט עפּיס עגמת נפש פון שוועהר און שוויגער?

אסתר'ל: אַך, ניין! וואָס פאַלט דיר איין? זיי בעהאַנדלען מיך זעלטען גוט.

מירעלע: נאָר פאַרוואָס דען ביזט דו עפּיס פּלוצלונג געוואָרען אַזאַ שווייגענדיגע און טרויעריגע?

שיינדעלע (פאַרענדיג זיך אַרום שרה'לעס שלייער): ווער? אסתר'ל? זי איז דאָך שוין אַ אַלטע יודענע, אַ רבי'צין געוואָרען.

מירעלע: דו הערסט, וואָס שיינדעלע זאָגט? דו ביזט שוין אַ אַלטע יודענע. און טאַקי — אַ ווייבעל ווי דו, צוויי יאָהר נאָך דער חתונה, האָסט נאָך ברוך השם קיין זאָרג. ס'פעהלט דיר קיין עין-הרע גאָרנישט — ברויך דאָך אַלץ איין דיר צו לעבען. און דו דרעהסט דיך אַרום אַזוי אומעטיג און ערנסט — טאַקי נאָר ווי אַ אַלטע יודענע.

אסתר'ל: ניין, מאַמעשי, ס'דאַכט זיך דיר נאָר אַזוי. כ'בין נישט טרויעריג. גלאַט ס'בענקט זיך מיר אָהן קינד.

מירעלע: אָבער...

(פון הינטערגרונד בעווייזט זיך מלכּה-לאה מיט אַ ברוגז פּנים).

מלכּה-לאה: מחותנת'טע! וואָס פאַר אַרט איז דאָס עפּיס? יעדער פרעגט אויף דער כּלה, און די כּלה זיצט דאָ בעהאַלטען. די געסט וועלען זיך צוגעהן!

מירעלע (שפּרינגט אויף): שוין, שוין, מחותנת'טע! מיר געהען שוין אַריין. (מלכּה-לאה פערשווינדט) נו, שיינדעלע, ווי האַלטסט דו? מען מוז אַריינגעהן. די מחותנת'טע איז געערגערט: ס'איז נישט אָרענטליך צולאָזען די געסט אַליין.

שיינדעלע: איך בין שוין פאַרטיג. נאָר נאָך דאָ צו פערשפּילעווען... שוין.

מירעלע: נו לאָמיר געהן.

(מירעלע און שרה'לע געהען צום הינטערגרונד. שיינדעלע געהט נאָך און מאַכט גראָד ביי שרה'לען די פאַלדען פון קלייד. קעהרט זיך דערנאָך צוריק, נעמט ס'שפּיגעלע און פערריכט זיך די טואַלעט).

מירעלע (ווענדט זיך אום): נו, און איהר געהט נישט?

שיינדעלע: ניין, כ׳מוז א בליק אריין געבען צום קינד. שוין באלד צוויי שעה, ווי כ׳האב עס נישט געזעהן.

מירעלע (צו אסתר׳לען): און דו?

אסתר׳ל: כ׳קאן נישט דרינגען זיין אין דער היץ. כ׳בין עפּיס מיעד. כ׳וועל א ביסעל זיין ביי שיינדעלע׳ן.

מירעלע: ביי שיינדעלע׳ן? גוט. (צו שיינדעלע׳ן) מאך זי דאָרט א ביסעל פרעהליכער. לערן זי אויס, ווי אזוי מען לאכט. (צו אסתר׳לען) און דו זעה לערן דיך גוט, ווארען אז נישט, וועל איך... וועסט שוין זעהן.

(מירעלע און שרה׳לע אָב, אסתר׳ל בלייבט ווייטער זיצען אויף איהר אָרט. זי קוקט א ווײַלע, ווי מיט קנאה אויף שיינדעלע׳ן, וועלכע איז כסדר פערנומען מיט איהר טואלעט).

אסתר׳ל: שיינדעלע, דו ביזט טאקי בייז אויף מיר? גלויבסט טאקי, אז כ׳האב עס געטהאָן מיט׳ן גוטען ווילען? גלויבסט, אז כ׳בין פלוצלונג אזוי פרום געוואָרען און האב געמיינט, אז כ׳טהו דאמיט א מצוה?

שיינדעלע (דרעהט זיך האסטיג אום צו איהר): דאס פערדריסט דאך מיך טאקי! ווען כ׳וואלט געוואוסט, אז דו ביזט ווירקליך פרום און גלויבסט אין אמת׳ן, אז מ׳טאָהר נישט געהן אין די אייגענע האָר, וואלט מיך גאָרנישט פערדראָסען. כ׳וואלט נאָר רחמנות געהאט אויף דיר, וואס דו ביזט אזא נאר אָדער העכסטענס וואלט איך אויס דיר געלאכט. כ׳ווייס דאך אָבער, אז דו גלויבסט נישט אין אזעלכע נאַרישקייטען און האסט עס נאָר געטהון, ווייל דו האסט דיך געוואָלט פערשטעלען פאר אפרום ווײַבעל...

אסתר׳ל: גלויבסט, אז כ׳האב מיך געוואלט פערשטעלען פאר פרום?

שיינדעלע: נאָר וואס דען? פארוואס האסט דו נישט געוואלט געדענקען, אז מיט דיין טהאט ברענגסטו עמיצען שאָדען? פארוואָס האָסט דו דיר נישט איבערעכענט, אז אונזערע נשים צדקניות וועלען אין דעם זעהן א מופת פון הימעל און וועלען זיך נעמען מיט פרישע כחות צו יאָגען די אלע, וואס טראָגען נישט קיין פיגורעס? אמאל האסט דו געפייערט, געליארעמט אויף די אלע, וואס זענען פריי געזאָגען און בעהאלטען דאס אין זיך. דו האסט געזאָגט, אז יעדער מענש, וואס האט פרייע מיינונגען דארף זיך אָפען לויט זיי צו

פיהרען, כּדי אַנדערע זאָלען זיך אויף איהם פערקיקען — אין הײַנט, אַז דיר האָט געגוצט צו צו־חנפנען זיך צו שוועהר און שוויגער...

אסתּר׳ל: וואָס?

שײַנדעלע: אַ שאָד, דו האָסט נישט געהערט, ווי דײַן שוויגער האָט נעכטען פערצעהלט, אַז בײַ דיר האָט מען געזעהן אַ אָפענע גאָט׳ס זאַך: דו ביזט געוועזען געפעהרליך קראַנק און אַזוי ווי דו האָסט נאָר אָבגעשוירען די האָר, איז געוואָרען, ווי מ׳וואָלט די קרענק מיט דער האַנד אַראָבגעשאַרט. האָסט געברויכט צו זעהן, ווי שרה׳לעס מחותּנת׳טע האָט, הערענדיג דאָס, פערגלײַזט די אויגען און האָט געקוקט אויף מיר מיט נקמה, ווי זי וואָלט וועלען זאָגען: וואַרט, ס׳ועט דײַן צײַט אויך קומען. (זי דרעהט זיך ביז אום צוריק צום שפּיגעל. נאָך אַ ווײַלע ווענדעט זי זיך ווידער צו אסתּר׳לען) און כ׳וועל דיר נאָך זאָגען: איך פערשטעה איבערהויפּט נישט, ווי אַזוי ס׳נעמט זיך בײַ אַ מענש דאָס נאמנות אָבצושנײַדען אַזעלכע לאַנגע זײַדענע האָר, ווי דײַגע זענען געוועזען. אַ מענש, וואָס קאָן דאָס טהון, מוז זײַן, דאַכט זיך מיר, אַ שטיק מערדער, ער מוז גאָר קיין האַרץ נישט האָבען אין זיך. עס קומט מיר פּאָר פונקט, ווי אַרײַנצוגעהן אין אַ שענעם גאָרטען און עקסטרא אַרומצודרעפּטשען און צוטרעטען אַלע בלומען. וואָס זאָג איך! דאָס איז נאָר ערגער! וואָרען די בלומען זענען כּאָטש פרעמדע, וואַקסען פון דער ערד און זענען אַ פרעמדע זאַך — אין די האָר וואַקסען דאָך פון מענש, זענען אַ טייל פון איהם און טהוען איהם שטענדיג באַשענען — און דאָס זאָל מען קאָנען אָבשנײַדען? נײַן, אַזאַ מענש מוז זײַן געמיין, גראָב...

(אסתּר׳לען גיסען זיך שטילע טרעהרען. שײַנדעלע איז זעהר אויפגערעגט און בעמערקט דאָס נישט, נעמט ווידער ס׳שפּיגעלע, ענדיגט שנעל די טואַלעט און וויל אַרויסגעהן. דערזעהט אסתּר׳לס טרעהרען).

שײַנדעלע: אסתּר׳ל! דו וויינסט... (שטעהט אַ ווײַלע, נישט וויסענדיג וואָס צו טהון. זי לויפט צו, זעצט זיך נעבען אסתּר׳לען און נעמט זי אַרום)

כ׳האָב דיר אודאי געמאַכט קרענקונג מיט מײַן רעדען... כ׳האָב דיך בעלײַדיגט... נו, ווײַן נישט... דו ווייסט דאָך, אַז כ׳האָב דאָס אַלעס געזאָגט נישט מחמת שנאה... ווײַן שוין נישט... כ׳בין אַ שלעכטע... שטענדיג, שטענדיג מוז איך אַזוי לאַנג רעדען ביז איך

בעלײדיג עמיצען... דו ברויכסט דיך גארנישט פיהלען בעלײדיגט פון מײנע ווערטער; דו קאנסט דאך מיך און ווײסט דאך, אז כ'האב שוין אזא שלעכטע נאטור צו רעדען אהן איבערלעגונג אלץ, וואס ס'קומט מיר אין זינען ארײן. כ'האב מיך אפט אלײן פײנד פאר דעם... נו, ווײן שוין נישט... זאג מיר, אז ס'פערדריסט דיך נישט... לאך דיך אויס, וועל איך וויסען, אז דו ביזט נישט ברײז... אוי, ווי א שלעכטע כ'בין! דו געהסט ארום אזוי טרויעריג, מאך איך דיר נאך עגמת נפש. נו, אסתר'ל, זײ שוין נישט ברײז!.

אסתר'ל: כ'בין נישט ברײז... כ'האב נישט פארוואס ברײז צו זײן.

אלץ, וואס דו האסט געזאגט, וואלט איך, זײענדיג אויף דײן ארט, אויך געזאגט דאס זעלבע... און דאך בין איך נישט שולדיג... ווען דו וואלסט געוואוסט, ווי אזוי דאס איז געשעהן, וואלסט דו אלײן... באלד צו מארגענס, נאכ'ן געליגען, האב איך געקריגען א ביסעל היץ. דאס האט אזוי געהאלטען עטליכע טעג און האט מיך זעהר אבגעשוואכט. און, ווען די היץ האט זיך דערנאך פלוצלונג א שטארקען הויב געגעבען, בין איך גאר אויס מענש געווארען און בין געלעגען ווי עפּיס א שווערע מאסע. ביים בעוואוסטזײן בין איך אפילו געוועזען, נאר עפּיס מאדנע האב איך מיך געפיהלט. כ'האב אלעס געהערט, פון יעדער זאך געוואוסט און פערשטאנען, נאר אלץ האט ביי מיר אויסגעזעהן, ווי עס וואלט געוועזען עפּיס ערגעץ גאנץ ווײט פון מיר. א מאדנע אפּאטיע האט מיך אינגאנצען בעהערשט. כ'האב געהערט דאס געוויין אין דערנעבען שטוב, געזעהן, ווי די שוויגער שטעהט ביי מײן בעט און ברעכט זיך די הענד, כ'האב בעמערקט מײן מאנ'ס געשוואלענע אויגען פון ווײנען — און דאך בין איך געוועזען רוהיג. אלץ האט אויף מיר געמאכט א אײנדרוק, ווי עס וואלט זיך האנדלען נישט וועגען מײן לעבען, נאר וועגען לעבען פון עפּיס א ווילד פרעמדען מ[illegible]... יעדע זאך, יעדער אײנדרוק איז אין מײן געדאנק געווארען פערהילט אין עפּיס א מאדנע נעפּעל פון פאנטאסטישע חלומות און בילדער, וועלכע האבען מיר אהן אויפהער געראיעט אין קאפּ... כ'געדענק, די שוויגער האט זיך אנידערגעזעצט אויף מײן בעט און האט אנגעהויבען מיר געבען צו פערשטעהן, ווי א עבירה ס'איז צו טראגען די אײגענע האר; זי האט מיר געזאגט,

אַז מיר ווײַבער האָבען וועניג מצוות, פאַרדעם אָבער מוזען מיר זײַ שטרענג אָבהיטען, וואָרען אַז נישט, ווערט מען באַלד בעשטראָפט; זי האָט מיר פערזינדיגט, אַז אין דעם זכות, וואָס כ'וועל מיר לאָזען אָבשערען, וועל איך געהאָלפען ווערען... כ'האָב אַלץ געהערט, אַלץ פערשטאַנען און בין דאָך געבליבען גלײַכגילטיג; כ'האָב מיך גאָרנישט אָבגעשטעלט אויפ'ן געדאַנק פון איהרע ווערטער און בין כסדר געווען פערטיפט אין די פאַנטאַסטישע בילדער, וואָס יעדעס איהר וואָרט האָט אַרויסגערופען אין מײַן ברויזענדער פאַנטאַזיע... (פויזע) כ'האָב דערנאָך דערפיהלט אויפ'ן קאָפּ אַ קאַלטעס אײַזען, כ'האָב געהערט דאָס רוישען פון אַ שער...

שײַנדעלע (אויפגעבראַכט): ווי הײסט? דעמאָלט האָט זי דיר אָבגעשוי-
רען, ווען דו ביזט געווען אין אַזאַ צושטאַנד?

אסתר'ל (נאָך אַ פויזע): די שוויגער זאָגט, אַז כ'האָב דעמאָלט געשמײ-
כעלט, ווי אַ קינד... ס'קאָן זײַן... ס'איז מיר געווען אַנגענעהם צו פיהלען ס'קאַלטע שער-אײַזען אויף מײַן צוגליהטען קאָפּ; דאָס לײַכטע בעריהרען מײַנע האָר האָט אין מײַן פאַנטאַזיע אַרויסגע-רופען מאָדנע מילדע בילדער און האָט מיך מילד ליעב אײַנגעשלע-פערט... (זי בלײַבט שטיל פערטראַכט. בײַ שײַנדעלען שטעהען טרעהרען אין די אויגען. זי נעמט אסתר'לען פעסט אַרום און גיט איהר שטיל אַ קוש. נאָך אַ לענגערע פויזע) כ'וואָלט שוין אַלץ פערליעב גענומען, ווען כ'וואָלט כאָטש נישט געבראַכט צו טראָגען דאָס שײַטעל... ס'איז מיר אַזוי עקעל דאַפיר... אַז ווען כ'וואָלט מיך נישט געשעמט, וואָלט איך בעסער אָנגעטהון אַ טיעפע קופּקע. ווער ווײסט פון סאַרא שמוציגען קאָפּ די האָר צום שײַטעל זענען גענומען? ס'קאָן זײַן, אַז דער קאָפּ ליעגט איצט שוין ערגעץ און פוילט... (שײַנדעלע גיט אַ לײַכטען ציטער. זײ בלײַבען אַ ווײַלע זיצען שטיל, האַלטענדיג זיך אַרומגענומען).

שײַנדעלע (נאָך אַ פויזע): אוי ווי שטאַרק מוזט דו לײַדען... איצט
ווײס איך שוין, פאַרוואָס דו געהסט אַרום אַזוי צורודערט.
און איך, שלעכטע, האָב דיר נאָך בײזע ווערטער געזאָגט, האָב דיך כסדר געשטעכעלירט. כ'וועל מיר דאָס קײנמאָל נישט שענקען (פויזע).
(רעכטס בעווײַזט זיך ברוך-ליב. דערזעהענדיג שײַנדעלען און
אסתר'לען, ציהט ער זיך צוריק).

שיינדעלע: איהר האָט עפּיס געוואָלט, מחותן? איהר קאָנט אַריינגעהן!

ברוך-ליב (שוין פון דערנעבען שטוב): ע, גאָרנישט.

שיינדעלע (צו אסתר'לען): קום בעסער אַריין צו מיר; דאָ קאָן נאָך עמיץ בעמערקען, אַז דו האָסט געוויינט. (שטעלען זיך אויף) מחותן! איהר קאָנט אַריינגעהן: מיר געהען שוין סאַ-ווי-אַוועק (ביידע אָב לינקס).

מלכה-לאה (בעווייזט זיך רעכטס, קוקט זיך אַרום): קום אַריין, ס'איז שוין קיינער נישט דאָ. (ס'קומט אַריין ברוך-ליב) איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, אַז מ'זעמיר נישט יוצא אונזער קינד דאָ איבערצולאָזען. ס'וועט דאָ פון איהם, חלילה, אַ תל ווערען: ס'שלעכטע לערנט מען זיך געשווינד.

ברוך-ליב: אָבער וואָס זאָגסט דו? רעד כאָטש אַ ביסעל שטילער, ס'קאָן נאָך עמיץ הערען. צו ווייסט דו, אַז דער מחותן רעכענט זיך, אַלס דער שענסטער רב ביי אונז? ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט ער געהאַט אַ עולם פון טויזענדער חסידים — און אפילו היינט פאָהרען אויך צו איהם גאַנץ שענע יודען, און דו האָסט גאָר מורא איבערצולאָזען ביי איהם אונזער קינד! דו ווייסט דאָך גאָרנישט, וואָס דו רעדסט.

מלכה-לאה: כ'ווייס שוין גוט נישט, ער פערצעהלט מיר אַלץ פון מחותן! איך ווייס אויך, וואָס דער מחותן איז! הלואי לאָמיך די זכיה האָבען, אַז מיינע קינדער זאָלען מיר געראָטען כאָטש אַ העלפט. אָבער וואָס קומט מיר אַרויס פון מחותן, אַז ס'גאַנצע הויז איז פערדאָרבען.

ברוך-ליב: ס'גאַנצע הויז איז פערדאָרבען — ווער מען האָסט דו דאָס דאָ, וואָס איז פערדאָרבען? אַלץ די שיינדעלע, דוד'לס ווייב?

מלכה-לאה: און אַז שיינדעלע, איז ווענינ?

ברוך-ליב: נו הכלל, פון דעם ווייסט דו דאָך שוין פון לאַנג; מען האָט דאָך עס אונז פערצעהלט נאָך פאַר די תנאים.

מלכה-לאה: כ'ווייס עס נישט פון לאַנג. פאַר די תנאים האָט מען מיר געזאָגט, אַז זי געהט אין די האָר, האָב איך גע-

רעכענט, אַז זי איז גלאַט אַ הולטייקע, און פון אַזעלכער לערנט זיך קיינער נישט אָן. דאָ האָב איך אָבער געוואָהר געוואָרען, אַז זי איז נאָך עפּיס ערגערס: זי איז אַ אַפּיקורס!

ברוך־ליב: אַ אַפּיקורס גאָר? וואָס דיר פאַלט איין! אַ יודענע אַ אַפּיקורס — פון וואַנען ווייסט זי, אַ אשה, צו זיין אַ אַפּיקורס?

מלכּה־לאה: הכלל, דו ווילסט מיר נישט גלויבען, פרעג דיך היגע מענשען, וועסט דו הערען. די שטאָדט וואָלט געגעבען ליכט אין שוהל אַריין, ווען מען וואָלט זי פּטור געוואָרען פון היע — אַזאַ חורבה האָט זי אָנגעמאַכט. מ'האָט מיר אָנפערצעהלט פון איהר זאַכען, אַז די האָר שטעלען זיך קאַפּויר. שטעל דיר פאָר, זי האָט צוזאַמענגענומען אַ גאַנצע באַנדע אַרום זיך און האָט געמאַכט אַ חברה ציוניסטען, נעמט צוזאַמען געלד און קויפט אַ זעלכע ביכלעך, וועלכע זי טיילט בחנם צו לעזען... דו האָסט געדאַרפט צו הערען היינט אין דער־פריה, ווי זי האָט מיר אין פּנים אויסגעלאַכט פון רביים, פון עין הרע'ם, פון סגולות...

ברוך־ליב: אַזוי ווייט האַלט זי שוין? אָווא... אַ רחמנות דעם מחותן: ער מוז נעבעך אויף דער עלטער צו זעהן אַ זעלכע זאַכען. זעהסט דו, אַזוי איז, אַז די זרע, דער שטאַם איז נישט גוט. ס'האָט זיך איהם פערגליסט צו נעמען אַ שנור פון פּראָסטע בעל־בתי'שע מענשען. אַ בת טובים וועט קיינמאָל נישט געהן אין אַ זעלכע וועגען, ווייל דער שורש, דער מקור איז גוט. כ'פערשטעה נאָר נישט, וואָס דער מחותן שווייגט אַזוי און לאָזט דאָס צו.

מלכּה־לאה: איך פערשטעה אויך נישט. כ'גלויב, אַז ער ווייסט גאָר נישט פון דעם אַלעם, אַ יוד, קיין עין הרע, אויף דער עלטער, זיצט שטענדיג פערמאַכט ביי זיך אין שטיבעל — פון וואַנען זאָל ער וויסען, וואָס אין הויז טהוט זיך? ווער וועט זיך דאָס אונטערשטעהן איהם אַ זעלכעס צו פערצעהלען? ער איז פערטהון אין לערנען, דאַוונען, פאַסטען, און זי מאַכט איהם דערוויל אַ תּל פון גאַנצען הויז!

ברוך־ליב: אָבער די מחותנת'טע? זי זעהט דאָך יאָ, וואָס ס'טהוט זיך — פאַרוואָס שווייגט זי? פאַרוואָס לאָזט זי אַזעלכע זאַכען אין איהר הויז?

מלכּה-לאה: די מחותּנת'טע קאָן איך עפּים גאָרנישט פערשטעהן: זי איז אַ גאַנץ וואויל מענש. פרום, אָבגעהיטען, נאָר צו די קינדער האָט זי עפּים אַזאַ מין שוואַכקײט, אַז זי וועט זײ קײן־מאָל קײן בײז וואָרט נישט זאָגען. וואָס די קינדער טהוען, איז ריכ־טיג. און ווער שמועסט נאָך, אַז שײנדעלע זאָל אויף עפּים זאָגען, אַז ס'איז גוט — דעמאָלט איז דאָך שוין קודש-קדשים. שײנדעלע איז בײ זײ אַ אָבגאָט. פון אויפשטעהן ביז'ן לעגען הערט מען נישט מעהר נאָר שײנדעלע. וואָס שײנדעלע זאָגט, איז קלוג; וואָס זי טהוט, איז גוט — אַלע קוקען נאָר איהר אין מויל אַרײַן. נו, קאָנסט שוין פערשטעהן ווי ס'זעהט דאָ אויס? דו ווײסט — אסתּר'ל, די כּלה'ס שוועסטער, איז אויך געגאַנגען אין די בלויזע האָר. דאָס האָב איך ערשט נעכטען געוואויער געוואָרען. זי איז אויך געגאַנגען מיט די קלאַקעס אין דרוי־סען; נאָר ערשט פאַר עטליכע וואָכען, ווען זי איז אין אַ קימפּעט געפעהרליך קראַנק געוואָרען, האָט זי זײ אָבגעשוירען. נאָר דאָס אַלץ איז גאָרנישט, כ'וואָלט מיר שוין נישט געמאַכט פון דעם אַלעם, ווען די כּלה וואָלט נאָר...

ברוך-ליב: די כּלה? וואָס? וואָס ווײסט דו פון איהר? געהט זי אויך אין אַזעלכע דרכים?

מלכּה-לאה: דו ווײסט, זי האָט אַראָבגעוואָרפען ס'דעקטוך?

ברוך-ליב: וואָס?

מלכּה-לאה: מײַן זוהנ'ס כּלה וויל נישט געהן אין דעקטוך? אונזער שנור אין פאַרשײַטע קלײדער? (לויפט איבער דער שטוב)

מאַ! געה זײ קלוג! כ'בין געוועזען גליקליך, ווען כ'האָב געהערט, אַז ר' העשעלע וויל זיך מיט מיר משדך זײַן; כ'האָב גאָרנישט גע־וואוסט, ווי גאָט צו דאַנקען, וואָס ער האָט מיר געהאָלפען, אַז כ'קאָן אַרײַנגעבען מײַן קינד אין אַזאַ יודיש הויז — מאַכט זיך גאָר אַזאַ מעשה. ווער האָט זיך געקאָנט רעכטען אויף אַזעלכעס! (בלײַבט שטעהן בײַ מלכּה-לאה'ן) אָבער וואָס טהוט מען איצט? וואָס טהוט מען? איך זעה נישט קײן אַנדער עצה, אויסער...

מלכּה-לאה: זײַ נאָר רוהיג, רויש נישט: מען מוז געלאַסען קלע־רען עפּים אַ עצה (געפיהרט פון יוחנן קומט אַרײַן ר' הערשעלע. קײנער בעמערקט איהם נישט) צו דער כּלה האָב איך נאָך

אַלעס גאָרנישט. ווען נישט שײַנדעלע, וואָלט זי געווען אַ גאַנץ גוט קינד. נאָר שײַנדעלע רעדט־איהר אײַן דאָס אַלץ.

(הערעגדיג מלכּה־לאה׳ס ווערטער, לאָזט ר׳ העשעלע אָב יוחנן׳ס האַנד און געהט שנעל צו. ברוך־ליב און מלכּה־לאה קוקען זיך אום און, דערזעהענדיג ר׳ העשעלען, בלײַבען זיי שטעהן איבעראַשט).

ר׳ העשעלע: וואָס איז דאָס שוין סאַראַ נײַעס?

ברוך־ליב: אַ דער מחותן... מײַן... נײַן, ס׳איז גאָרנישט.

ר׳ העשעלע: כ׳האָב דאָך געהערט, די מחותּנת׳טע האָט געזאָגט, אַז מײַן שײַנדעלע רעדט עפּיס אײַן דער כּלה? (ברוך־ליב שווײַגט אין פערלעגענהײַט) מחותּן! מײַנע אײניקלעך האָבען שוין נישט קײן טאַטען, און איך, זייער זיידע, מוז אויך זייער טאַטע זײַן. כ׳וויל וויסען, וואָס דאָ איז. פערצעהלט! (רוקט זיך צו צום שטוהל. צו יוחנן) געה אַרײַן דרינען און מאַך צו די טהיר. (יוחנן אָב. ר׳ העשעלע זעצט זיך אויפ׳ן שטוהל) פערצעהלט, מחותּן, נאָר אַלץ! כ׳וויל אַלץ וויסען.

ברוך־ליב (נישט דרייסט): מײַן בני־בית פערצעהלט מיר, אַז די כּלה פיהרט זיך אַ ביסעל... עפּיס נישט אַזוי... זי וויל נישט געהן אין דעקטוך...

ר׳ העשעלע: הע? און זי געהט מיט׳ן בלויזען קאָפּ?

מלכּה־לאה: זי האָט זיך איצט מכּלומרשט אַרומגענומען מיט׳ן שלייער.

ברוך־ליב: דער אויסשטײַער איז פערשײַט, נישט יודיש...

מלכּה־לאה: און דוקא דאָס? כ׳האָב גענוג אַנדערע שענע זאַכען געזעהן, נאָר וואָס וועל איך געהן אויסרעכענען.

ר׳ העשעלע: און דאָס אַלץ האָט מען געוואָלט פון מיר מעלים זײַן?

ברוך־ליב: כ׳האָב נישט געוואָלט אײַך מצער זײַן, און נאָך אײנס: איך אַלײן האָב אויך ערשט איצט געוואָהר געוואָרען דאָפון. כ׳האָב זי שטענדיג געהאַלטען, די כּלה, פאַר אַ פשוט יודיש מײדעל. אַזאַ שטעלע — ווער וואָלט דאָס געגלויבט אויף איהר!

מלכּה־לאה: כ׳ווײס נישט, וואָס דו ווילסט פון דער כּלה. כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט: צו דער כּלה האָב איך גאָרנישט. הלואי וואָלט זי נאָר נישט געהאַט שײַנדעלע׳ן פאַר אַ רבּי, וואָלט זי טאַקי געווען אַ פשוט יודיש ווײַבעל. וואָס קומט אָבער

אַרויס, אַז שיינדעלע טרעט זי נישט אָפּ אויף קיין רגע און פּאַקט אין איהר כּסדר אַריין איהרע תּורות. און שרה'לע איז דאָך נאָך אַ קינד! וואָס ווייסט זי? זי מיינט, אַז וואָס שיינדעלע זאָגט, איז הייליג.

ר' העשעלע: פון וואַנען ווייסט איהר, אַז שיינדעלע רעדט זי צו צו שלעכטס?

מלכּה־לאה: כ'זעה דאָך! אַזוי איז זי אַ אָרענטליך קינד, האָרכט אַלץ, וואָס מען זאָגט איהר, און, אַז זי קומט זיך נאָר צוזאַמען מיט שיינדעלע'ן, ווערט זי ווי גאָר נישט די אייגענע. אַז זי זאָל אַראָבוואַרפען דאָס דעקטוך, האָט זי איהר איינגערעדט אין מיין געגענוואַרט.

(שטילע פּויזע. ר' העשעלע קלאַפּט מיט'ן שטעקען אָן דער פּאָד־לאָגע. ס'קומט אַריין יוהנן).

ר' העשעלע: יוחנן, שיק מיר אַריין מיין טאָכטער. (יוחנן אָב. צו זיך) ווידער שיינדעלע... האָט זי נאָך נישט פערגעסען איה־רע אַלטע דרכים? האָב איך אין איהר אַ טעות גע־האַט? (פּויזע)

מלכּה־לאה: כ'האָב באַלד געזאָגט, אַז דער מחותּן מוז נישט וויסען פון דעם אַלעם, וואָס ס'קומט פאָהר אין הויז; כ'האָב פערשטאַנען, אַז דער מחותּן וואָלט נישט געלאָזט געהן זיין אייניקעל מיט די בלויזע האָר...

ר' העשעלע (גיט זיך אַ כאַפּ אויף): וואָס? אין די בלויזע האָר האָט איהר געזאָגט? האָט מען מיך אָבגענאַרט, פאָרגעזאָגט אַ ליגען? (ס'קומט אַריין מירעלע, ר' העשעלע לויפט איהר אַקעגען) האָסט מיך אָבגענאַרט? דו אויך? איינס געמאַכט מיט איהר?

מירעלע (דערשראָקען): אָבער וואָס איז?

ר' העשעלע: וואָס ס'איז? דו האָסט מיין גרויען קאָפּ מיט חרפּה בע־דעקט! דו האָסט מיר די קינדער פערדאָרבען — ס'גאַנ־צע הויז האָסט דו מיר פערדאָרבען! איך בין אַ רב, פון מיר און פון מיין הויז דאַרפען מענשען יודישקייט און צניעות צו לערנען, און דו האָסט מיר מיין הויז איבערפיהרט. היינט קאָן מען פון מיין הויז

פּריצות און אויסגעלאַסענקייט לערנען, נישט קיין צניעות! אַז איך האָב געוואָלט דאָס פּייער באַלד אין אָנהויב דערשטיקען, געוואָלט שיינדרע־לע'ן באַלד נאָך דער חתונה אַרויסיאָגען פון דאַנען, האָסט דו מיך אָבגענאַרט, געזאָגט, אַז זי האָט שוין חרטה בעקומען און האָט אָנגעטהון אַ שייטעל — איצט האָט זיך דאָס פּייער צופלאַקערט: ביי מיר האָט עס מיין יאָנגסט קינד אַוועקגערויבט, זי האָט שרה'לען פון וועג אַראָבגעפיהרט, און ווער ווייסט, וואָס סאַראַ חורבות זי האָט אין שטאָדט געמאַכט? ווער ווייסט, וויפיעל יודען ס'האָבען זיך פערקוקט אויפ'ן רב'ס הויז? און דעם רב'ס הויז איז דאָך הפקר! הפקר האָסט דו מיין הויז געמאַכט! וואָס איינער וויל, טהוט ער! אָבער צו בין איך שוין נישט קיין בעל־הבית דאָ? האָב איך שוין גאָר קיין דעה? זאָג! איך בין שוין גאָרנישט? זאָג! (ער קאָן זיך נישט דערהאַלטען אויף די פיס און הויבט אָן זיך וואַקלען. אַלע לויפען צו, מירעלע פיהרט איהם צו צו אַ שטוהל, ער זעצט זיך אַנידער. אַ ווײַלע זיצט ער שטיל, אָטהעמענדיג שווער. שטיל צו זיך) יאָ, איך בין שוין גאָרנישט; יעדער מעג שוין דאָ טהון, וואָס ער וויל... פאַר'ן אַלטען טאַטען איז גענוג עפּעס אַ אויסגעקלערטער ליגען: דער אַלטער טאַטע איז שוין גאָרנישט... (פּויזע) ווער ווייסט, וויפיעל מענשען ס'האָבען זיך פערקוקט אויף איהר, וויפיעל יודישע קינדער ס'זענען נעבעך בשוגג אַריינגעפאַלען... וואָס זאָלען זיי וויסען? אַז דעם רב'ס קינדער מעגען... מיך האָט מען בעהאַנדעלט מיט ליגען. מיר, אַ טאַטען, האָט מען ליגען געזאָגט...

מירעלע (ציטערענדיג פאַר שרעק): און וואָס דען האָב איך געקאָנט טהון?

דו האָסט נישט אַנדערש געוואָלט, נאָר זיי זאָלען זיך גט'ן,

און דוד'ל האָט זיך געבעטען, געוויינט, געזאָגט, אַז ער וועט זיך דערטרינקען, אויב מען וועט איהם שיידען... פון שיינדעלען... וואָס האָב איך געזאָלט טהון? האָב איך געזאָלט מיין דוד'ל, מיין איינציגען זוהן אונגליקליך מאַכען? און זי, שיינדעלע, איז דאָך אַזאַ וואויל ווייבעל, זי איז דאָך אַזוי גוט צו דוד'לען...

ר' העשעלע (נאָך אַ לענגערע פּויזע, צו זיך): גערעכט, כ'האָב פערדיענט די שטראָף: כ'בין געוועזען אַ מטיל אימה יתירה בתוך ביתי — כ'האָב געהייכען גט'ן... אָנשטאָדט דאָס פערבלאָנדזעטע שעפעלע צוריק אויפ'ן וועג אַרויפצופיהרען, האָב איך

געוואלט עס אינגאנצען דעריאגען... נאר מיט השם יתברך'ס הילף וועל איך עס נאך מתקן זײן... דעמאלט האב איך זי געוואלט פעריאגען, ווי א איבעריג, פון דער פרעמד אנגעקומען, שעפסעל — הײנט וועל איך זי שטראפען, ווי א היימישעס, ווי א אײגענס.. (שטעלט זיך אויף) ווי א אײגען קינד וועל איך זי שטראפען... (ער לאזט זיך גײען צו דער טהיר לינקס).

מירעלע (פערשטעלט איהם דעם וועג): טאטעשי, גײ נישט... האב רחמנות אויף איהר, זי איז דאך נאך א יונג קינד: זי וועט נאך אנדערש ווערען... דו אלײן האסט דאך זי די לעצטע צײט אזוי האלט און האסט געזאגט, אז זי האט א רעכט יודיש הארץ... וועסט זעהן, זי וועט זיך אלײן איבערערכנען... גײ נישט, טאטעשי, מאך איהר נישט קײן קרענקונג... זי איז דאך שוין אונזער קינד, די מוטער פון מײן דוד'לס יאסעלע...

ר' העשעלע (ווײך, אבער פעסט): יודענע! דו האסט דיך ליעב, נישט די קינדער. ווער ס'האט ליעב זײן קינד, דער שטראפט עס, חאטש דאס שטראפען טהוט איהם אלײן אממעהרסטען וועה. (מירעלע פערדעקט זיך ס'פנים מיט די הענד און ווײנט שטיל. ר' העשעלע קוקט אויף איהר א ווײלע מיט רחמנות, דערנאך גיט ער זיך א חאפ) נײן, ס'טאהר נישט: איך בין א רב, דער טאטע פון דער גאנצער שטאדט, ממני ילמדו, איך מוז ווײזען, אז מען טאהר נישט אזוי (אב לינקס).

מירעלע (נאכלויפענדיג): טאטעשי, גײ נישט... איך וועל מיט איהר שמועסען... ווארט חאטש ביז מארגען... פיערשטער אונז נישט די שמחה... טאטעשי...

פארהאנג.

צווייטער אַקט.

סצענע: אַ שטוב ביי שיינדעלע'ן אין וואוינונג, אין הינטערגרונד אַ טהיר אין קיך אַריין. רעכטס אַ שלאָף-צימער, לינקס צוויי פענסטער בעשטעלט מיט פיעל בלומען. מעבלירונג: אַ טיש מיט שטולען, אַ גרויסער שפּי-געל, אַ קרעדענס-שאַנק, אַ אָטאָמאַן א. ז. וו. איבער דעם אָטאָמאַן און פון ביידע זייטען שפּיגעל הענגען בילדער, ס'רוב יודישע. שיינדעל אין דערזעלבער קליידונג, וואָס אין ערשטען אַקט, בעגיסט די בלומען, ריינִיגט זיי פון שטויב און זינגט דאַביי שטיל עפּיס אַ יודיש ליעדעל. דוד'ל אין אַ זיידענער קאַפּאָטע, אין סאַמעט היטעל, קומט אַריין פון קיך.

שיינדעלע (נישט איבעררייסענדיג איהר בעשעפטיגונג): זעה נאָר, ווי טרוקען ד בלומען זענען, כ'האָב פערגעסען אין דער-פריה זיי צו בעגיסען, און זיי האָבען געמוזט אַזאַ גאַנצען טאָג ליידען דורשט. ווי מאַט און שוואַך די בלעטלעך הענגען, נעבעך, אַראָב... פּונקט ווי נאָך עפּיס אַ שווערען תענית.

דוד'ל: און וואָס מיינסט דו? ס'איז דען נישט אַ שווערער תענית? (געהט צו צום צווייטען פענסטער) דערמאָן דיר נאָר, סאַראַ היץ היינט איז געוועזען (בעטראַכט די בלומען) ווי איינגעדאַרט אַלץ איז...

שיינדעלע: קום נאָר אַהער, וועסט זעהן, ווי שנעל ס'שלינגט איין די ערשטע ביסלעך וואַסער, וואָס כ'גיס אַרויף (דוד'ל געהט צו, זי גיסט אַ ביסעל וואַסער) זעהסט, ווי שנעל ס'האָט איינגעשלונגען? זעהסט, סאַראַ לעכעלעך ס'זענען געבליבען פון אויבען? שטענדיג, ווען כ'זעה דאָס, דאַכט זיך מיר — נאָר זאָלסט נישט לאַכען פון מיר — אז די לעכעלעך זענען פּיסקעלעך, וואָס בעטען זיך: „נאָך אַ ביסעלע,

נאָך אַ ביסעלע״ (גיסט) נו, נאַט אייך, כ׳וועל אייך נישט קאַרגען. נאַט אייך נאָך. (גיסט)

דוד׳ל: דו ווייסט, כ׳וועל דיך שטעלען צווישען די בלומען, וועסט דו אפשר אויף מיר אויך רחמנות האָבען און מיר עפּיס געבען:

שיינדעלע: וואָס? ס׳דורשט דיך?

דוד׳ל: ניין, מיך הונגערט.

שיינדעלע: ס׳הונגערט מיך אויך. כ׳בין אַ גאַנצען טאָג אַזוי פערנוּמען געוועזען, אַז כ׳האָב גאָרנישט געדענקט, אַז כ׳דאַרף צו עסען. נאָר וואַרט, מיר זעמיר גרויסע, שטאַרקע בלומען, און ס׳שאַדט נישט, אַז מ׳וואַרט נאָך אַ ביסעל. זיי זענען, נעבעך, קליינינקע, שוואַכינקע און האָבען נישט קיין כח לענגער צו וואַרטען. חוץ דעם זענען זיי שענער פון אונז און האָבען דאַריבער פערצוג... און ווי האַלט עפּיס דרינען?

דוד׳ל: די שמשים רוימען צו און מאַכען גרייט צום טיש.

שיינדעלע: אַז אַזוי וועט מען דאָך אוראי באַלד געהן צום טיש?

דוד׳ל: ניין, דאַכט זיך מיר, אַז ס׳וועט נאָך לאַנג דויערען: דער זיידע האָט זיך עפּיס פערמאַכט אין זיין שטיבעל.

שיינדעלע (איבערגעריסט איהר בעשעפטיגונג ביי די בלומען): ער האָט זיך גאָר פערמאַכט? היינט, ווען ס׳איז אַ חתונה אין שטוב? ס׳איז דאָך נישט זיין נאַטור! שטענדיג אויף אַ קינד׳ס שמחה פיהרט ער זיך דאָך אַזוי איינפאַך... וואָס קאָן דאָס זיין?

דוד׳ל: ס׳איז מיר אויך אַ חידוש. פאַר דער חופה בין איך ביי איהם דרינען געוועזען, האָט ער זיך אָנגעטהון די שבת׳דיגע מלבושים און איז אַרויסגעגאַנגען אין בית־דין שטוב: פון דאָרטען האָט ער געזאָלט צוזאַמען מיט די מחותנים אַהין געהן צום חתן צום באַזינגען. נאָר נישט לאַנג דערנאָך איז ער צוריק געקומען, האָט געהייסען אַלע אַרויסגעהן און האָט זיך פערמאַכט. ווען די מאַמעשי האָט דערנאָך אָנגעקלאַפּט, אַז מען געהט צו דער חופה, איז ער אַרויסגעקומען. אָבער באַלד נאָך דער חופה האָט ער זיך ווידער פערמאַכט. די מאַמעשי זאָגט, אַז ס׳איז גלאַט, ווייל ער איז מיעד.

שיינדעלע: ס׳קאָן זיין. ביי אַ חתונה, ס׳איז אַ געוואַלד, אַ געפּילדער — דאָס האָט איהם געקאָנט שאַדען: ער איז דאָך אַ אַלטער

מאַן. (זי נעמט זיך צוריק צו די בלומען) זעה נאָר, דוד׳ל, דער אַלעאַנדער בליהט. זעהסט דאָ אַ קליין פּאָנטשקעלע? אָ דאָ? ס׳וועט שוין בלי־הען: האָמיר שוין פינף פּייערקעס, וואָס בליהען. וועסט זעהן, ווי שען דאָ וועט זיין נאָך אין אַ צוויי וואָכען, ווען ס׳בליהען וועט זיך גוט ענטוויקלען... דו ווייסט, די מחותנת׳טע האָט מיר נעכטען גע־זאָגט, אַז כ׳דאַרף נישט האַלטען קיין בלומען. ס׳איז, זאָגט זי, נישט יודישלעך.

דוד׳ל: וואָס? ס׳איז נישט יודיש צו האַלטען בלומען? וואו האָט זי דאָס געזעהן אַזאַ דין?

שיינדעלע: ס׳איז מיר נישט קיין חילק, צו זי האָט ערגעץ געזעהן אַזאַ דין אָדער נישט? מיך אינטערעסירט נאָר דאָס, אַז ס׳קאָן טרעפען אַ מענש, וואָס וויל אין אַלעם נאָר זעהן יודישעס. וואָס דו זאָלסט נישט פּרובען איהר צו ווייזען אָדער צו זאָגען, וועט זי קיינמאָל נישט זאָגען, אַז ס׳איז שען אָדער נישט שען, גוט אָדער שלעכט, נאָר שטענדיג וועט זי דיר זאָגען אויב ס׳איז יודיש. ביי איהר איז די גאַנצע וועלט איינגעטיילט אין צוויי טיילען: איין גאַנץ גרויסער טייל נישט יודיש און אַ צווייטער טייל, גאָר אַ קליינער—יודיש. און אַ מאָדנע בעגריף האָט זי וועגען יודיש: אַלעס, וואָס איז נאָר יונג און שען, אַלעס, וואָס לעבט און לאַכט, איז ביי איהר נישט יו־דיש. בלומען זענען נישט יודיש, שען זיך אָנטהון—נישט יודיש, לאַכען, רעדען, שטיפען — נישט יודיש — אַ אונסימפּאַטיש מענש. און דו ווייסט? אַזוי ווי זי איז אונסימפּאַטיש, אַזוי איז איהר זוהן, דער חתן, פּונקט פערקעהרט. כ׳האָב דאָך נאָך נישט גערעדט מיט׳ן, נאָר שוין בלויז פון אָנזעהן געפעלט ער מיר: ער האָט אַ שען לעבעדיג פּנים מיט אַ פּאָר גוטע קלוגע אויגען. דו האָסט עפּיס בעאָבאַכטעט ביי דער חופּה, ווען ער איז געשטאַנען נעבען שרה׳לען? ביידע האָ־בען זיי אויסגעזעהן אַזוי יונג און פריש, אַז ס׳איז געוועזען אַ פערגני־גען צו קוקען. אַ זעלטען שען געפּאַסט פּאָר־פּאָלק. וואָס, ניין?

דוד׳ל: כ׳ווייס... דאַכט זיך מיר, אַז ער איז פאַר שרה׳לען נישט זעהר געפּאַסט. עס איז טאַקי אַ בע׳חנ׳טער יונגערמאַן און קאָן גוט לערנען — שרה׳לע האָט אָבער געבראוכט נישט אַזאַ מאַן. ס׳גאַנצע בית־המדרש איז אויפ׳ן אויסגעגאָסען. ס׳רעדען, ס׳לאַכען,

דיִ תנועות זיַינע, אַלץ איִז בית־המדרש׳דיִג, און חוץ פון דער גמרא איִז ניִשטאָ פון וואָס מיִט׳ן צו רעדען.

שיינדעלע: דאָס איִז אמת... נאָר ס׳שאַדט ניִשט: ער וועט שוין ביַי איִהר אַנדערש ווערען, אַבי זיִ האָט איִהם נאָר ליִעב.

דוד׳ל: פון וואַנען ווייסטו דען, אַז זיִ האָט איִהם ליִעב?

שיינדעלע: דאָס טאָהר מען ניִשט אויסזאָגען, ס׳איִז מיַין סוד. זיִ האָט איִהם ליִעב און זיִ וועט איִהם שוין איִבעראַרבייטען. אַז ער האָט נאָר אַ גמרא־קעפעל, וועט ער שוין ווערען ביַי שרה׳לען אַ מענש.

דוד׳ל: ניִשט אַזוי שנעל ווערט מען אַ מענש.

שיינדעלע (ענדיִגט מיִט דיִ בלומען און נעמט זיִך גרייטען צום טיִש): טאַקיִ? און דו, וואָס ביִזט געוועזען צו דער חתונה? ניִשט קיין פער׳בטל׳ט בית־המדרש יונגעל?

דוד׳ל: איִך ביִן עפּיִס אַנדערש: איִך האָב בעקומען שיינדעלע, די אויפגעקלערטע, פאַר אַ לעהרעריִן.

שיינדעלע: און ער בעקומט וויִדער שרה׳לע, דיִ אויפגעקלעהרטע, פאַר אַ לעהרעריִן.

דוד׳ל: יאָ, שרה׳לען, אָבער ניִשט דיִ איַינגעשפּאַרטע שיינדעלע מיִט איִהר מאַנסביִליִש קעפּעלע.

שיינדעלע (שטעלט זיִך אָב): אַזוי? אַזוי שטאַרק האַלטסטו פון מיַין קאָפּ, אַז דו קרוינסט איִהם אַזש מיִט׳ן טיִטול „מאַנסביִליִשער"? כ׳האָב דאָס גאָרניִשט געוואוסט.

דוד׳ל: נו, און איִצט, אַז דו ווייסט עס, ווערסט דו ערשט אויף ס׳ניַי קריִגען חוצפה?

שיינדעלע: און וואָס זאָגסט דו? מעג ניִשט אַ צרה׳דיִגע, זיִנדיִגע יודענע קריִגען חוצפה, ווען זיִ האָט דיִ זכיה צו געהערען צו ר׳ דוד׳ל דעם וואָלאָזשינער, דעם רבי ר׳ העשעלעס אַ איַיניִקעל, אַז זיִ האָט אַ מאַנסביִליִשען קאָפּ?

דוד׳ל: אַז דו לאַכסט פון מיִר, וויִל איִך שוין גאָרניִשט מיִט דיִר רעדען. כ׳וועל בעסער עסען, ס׳הונגערט מיִך. (זעצט זיִך צום טיִש).

שיינדעלע: אַז דו פערשטעהסט כאָטש, אַז כ׳לאַך פון דיִר... דו האָסט אַזאַ זאָג אַוועקגעגעבען „מאַנסביִליִשער קאָפּ", פונקט

ווי די מענער וואלטען געוועזען עפּעס אנדערע העכערע בעשעפעניסען פון אונז ווייבער און ווי אייערע קעפּ וואלטען געוועזען בעסערע און געזונדטערע. (זי זעצט זיך צום טיש. דוד'ל נעמט עפּיס צו עסען, זי דערלאנגט איהם א שטיק טאָרט) עס בעסער דאָס.

דוד'ל: נײן, עס דו, דו ביסט דאָך א נאשער.

שײנדעלע: עס, עס, ס'איז דאָ פאר מיר אויך. (זי שטעהט אויף, געהט צום פענסטער און קוקט ארויס) כ'ווייס גארנישט, וואָס די דינסט זיצט עפּעס אזוי לאנג מיט'ן קינד אין וואלד...

דוד'ל: און וואָס איז דען, אז זי זיצט מיט'ן א ביסעל לענגער? די לופט איז דאָך אזוי ווארים.

שײנדעלע (זעצט זיך צוריק צום טיש): און אזוי, ווי זעהט ער אויס, דער חתן? דו האָסט דאָך גערעדט מיט'ן, זעהט ער אויס צופריעדען?

דוד'ל: יאָ, ער זעהט אויס זעהר צופריעדען, ס'לאכט אלץ אין איהם.

שײנדעלע: זעהסט? און דו זאָגסט, אז ער איז א בטלן!

דוד'ל: אז ער איז אויפגערוימט און לאכט, איז ער שוין נישט קיין בטלן!

שײנדעלע: אוודאי! ווען ער וואלט געוועזען אזא בטלן, ווי דו זאָגסט, וואלט ער נישט צופריעדען געוועזען און נישט געלאכט, בעקומענדיג א נישט פרום ווייב. אז ער איז צופריעדען, איז א סמן, אז ער וויל דאָס. מעהר לייט אלס דו. געדענקסט, ווי דו ביזט נאָך דער התונה ארומגעגאנגען אהן קאָפּ און וויפיעל מאָל דו האָסט געוויינט און געבעטען, אז כ'זאָל צוליעב טהון און אנטהון א שייטעל?

דוד'ל: דו ווייסט גאנץ גוט, אז כ'האָב דאָס געטהון נישט ווייל כ'האָב טאקי געמיינט, אז מ'טאָהר נישט אנדערש, גלאט כ'האָב נישט געוואלט, אז א גאנצע שטאָדט זאָל האָבען צו רעדען.

שײנדעלע: אהא, דער מאמעס זוהן! וויל מיט יעדערן גוט זיין, אלע צופריעדענשטעלען, כדי די שטאָדט זאָל נישט האָבען צו רעדען, האָסטו געוואלט אָפּפערען מיין קאָפּ האָר? (געהט צום פענסטער, קוקט ארויס און זעצט זיך צוריק צום טיש)

דוד'ל: דו מיינסט, אז ס'איז גרינג צו געהן געגען א גאנצע שטאָדט? דו ווייסט גארנישט, וואָס דאָס איז צו זעהן שטענדיג ארום

זיך שטעלענדע בליקען — וואָרום די גאַנצע שטאָדט זענען דאָך מיר דעמאָלט געוועזען שונאים!

שיינדעלע: כ'פערשטעהע דאָס נישט. וואָס האָסט דו געברויכט דיר צו מאַכען פון דעם, וואָס עמיץ איז דאָרט בייז אויף דיר? די אַלע מענשען זענען דאָך דיר פרעמד, דו האָסט מיט זיי קיין שום געשעפטען, דו דענקסט אַנדערש ווי זיי, לעבסט אַנדערש ווי זיי — וואָס קאָן דיך אַרען, אַז אַזעלכע ווילד פרעמדע מענשען קוקען בייז? קוים האָסט דו נאָר געוואוסט ביי דיר, אַז דו טהוסט גוט, האָסט דיך וועגען זיי נישט געברויכט צו קימערען. נאָר דאָס אַלץ איז, ווייל דו האָסט אַזוי וועניג ענערגיע. אַ קינד זאָל אויף דיר קרום קוקען, פאַלסט דו שוין איבער די הענד. דו ווייסט — כ'וועל אַ סך מאָל אַזש בייז אויף דיר. וואָס איז דאָס, אַז אַ מענש, ווי דו, זאָל נישט האָבען קיין פולען ווילען? איבער אַ קרומען בליק ביזט דו גרייט זיך אָבצוזאָגען פון כ'ווייס וואָס. דו ביזט אַ הייסער ציוניסט און זאָגסט, אַז ווען דו זאָלסט נאָר וויסען, אַז ס'וועט עפּיס העלפען, וואָלסט דו מיט פערגניגען אַוועקגעגעבען דאַרויף אַלעס, וואָס דו פערמאָגסט — און כ'קאָן דאָך דיך און ווייס, אַז דו מיינסט עס ערנסט — און דאָך, טאָמער הייבט מען נאָר אָן עפּיס צו רעדען אין שטאָדט, ווערסט דו באַלד אוים מענש און וואָלסט שוין גערן געוואָלט, אַז מ'זאָל מיר אַלץ אַוועקוואַרפען. דו זאָגסט עס מיר נישט קיינמאָל, ווייל דו שעהמסט דיך, אָבער איך לייען עס יעדעס מאָל אַראָב פון דיין פּנים.

דוד'ל: הכּלל, וואָס זאָל איך טהון, אַז כ'בין שוין אַזוי?

שיינדעלע: ווי הייסט, דו ביזט שוין אַזוי? אָבער דו ווייסט, אַז דאָס טויג נישט, דאַרפסט דו זעהן, דו זאָלסט דיך איבעראַרבייטען. זעה נאָר, איך בין נאָר אַ יודענע, האָב נישט געהאַט די זכיה צו געהערען צום געקריינטען מין מאַנסבילען און דאָך בין איך פעסט. דערמאָן דיך נאָר, וואָס איך האָב געהאַט אויסצושטעהן דעמאָלט נאָך דער חתונה: די עלטערן מיינע האָבען מיך געוואָלט פּאַטשען און זענען אַוועקגעפאָהרען בּרוגז, נישט געזעגענדיג זיך מיט מיר, דער אַלטער שווער, דער זיידע דיינער, האָט מיך געסטראַשעט מיט אַ גט; די שוועסטערן דיינע זענען נאָך דעמאָלט געוועזען פרום און זענען אויך געגאַנגען פון מיר פון דערווייטענס, און איך האָב מיך

אַרומגעדרעהט, ווי אַ שאָטען אָן דער וואַנד, נישט האָבענדיג קיינעם אויסער דיך און דיין מוטער; אויף דער גאַס האָט מען מיר נאָכגע-טײַט מיט די פינגער, אין שוהל ביים דאַוונען דאָ-בען זיך אַלע אָב-גערוקט פון מיר, — און איך האָב אויף דעם אַלעם נישט געקוקט און האָב מיינם אויסגעפיהרט.

דוד'ל: דו ביזט טאַקי...

שיינדעלע (איבערהאַקט איהם): און דערנאָך, ווען כ'בין געגאַנגען גרינ-דען דעם ציוניסטען-פעראיין מיט דער ביבליאָטעק? דע-מאָלט האָט דאָך טאַקי די גאַנצע שטאָדט געקאָכט! דו האָסט געזאָגט אַז מ'וועט מיך פערשטיינען, און איך אַליין האָב אויך געמיינט, אַז ווער ווייסט, סאַרא סקאַנדאַלען ס'וועלען זיין — און דאָך זעהסט, מ'האָ-מיר שוין היינט העכער פיערציג מיטגליעדער. און אפילו היינט יאָגט מען מיך וועניג אַרום? וויפיעל מאָל קומט מיר נאָך היינט אויס, זיי-צענדיג אין שוהל, צוהערען, ווי הינטער מיר שעלט מען מיך?

דוד'ל: דו ביזט טאַקי אַ אויסנאַהם. פאַר דאָס רופען מיך דאָך דיך די איינגעשפּאַרטע שיינדעלע.

שיינדעלע: ס'איז נישט אמת: כ'בין גאָרנישט קיין אויסנאַהם. די אַלע, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו אונזער פעראיין, ליידען נישט וועניגער, אַלס איך, און דאָך האַלטען זיי זיך פעסט, קעמפּפען פאַר זייער אידעען.

דוד'ל: יאָ, זיי האַלטען זיך פעסט אַזוי לאַנג, ווי זיי האָבען דיך, אַז דו זאָלסט זיי אַלע מינוט אויפמונטערן. אסתר'ל איז אויך געוועזן פעסט אַזוי לאַנג, ווי זי איז היע געוועזען, און היינט טראָגט זי אַ שויט ביז אין די אויגען.

שיינדעלע: אסתר'לען לאָז געהן, זי איז דיזעלבע, וואָס געוועזען. איהר'ס איז נאָר אַ רחמנות... דן ווייסט? מ'האָט איהר אָבגעשוירען די האָר, ווען זי האָט געהאַט הינץ און האָט גאָרנישט...

(ס'קומען אַריין לאה'לע, גוטשיא און הנה'לע).

אַלע: גוט נ'אָבענד!

לאה'לע: אַזוי! זי זיצט זיך דאָ מיט'ן מאַן און עסען, און מיר דרעהען זיך אַרום און האָבען נישט, וואו צו זיין.

שיינדעלע: גוט נ'אבענד, גוט יאהר! זעצט אייך. גאנץ גוט, וואס איהר זענט אריינגעקומען: ס'וועט א ביסעל היימליך זיין.

גוטשיא: אודאי! דו וועסט דיר זיצען און עסען, און מיר וועלען דיר מאכען היימליך?

שיינדעלע: גערעכט, ס'איז טאקי נישט קיין יושר אזוי. כ'וועל אייך דעריבער עפעס פארשלאגען: עסט מיט.

גוטשיא: א, ניין, א דאנק. מיר וועלען נישט עסען. זאג אונז בעסער, וואס מ'זאל מיר טהון, ס'זאל נישט זיין אזוי לאנגווייליג. דו ווייסט, מיר דרעהען זיך ארום שוין אפשר א שעה, נישט האבענדיג, וואו צו זיין. דרינען זענען אנגעשטעלט טישען מיט בענק, און די שמשים פארען זיך ארום זיי, די מחותנים זענען דריבען ביי חתן כלה, און מיר דרעהען זיך ארום און געגעצען.

שיינדעלע: פארוואס זענט איהר דען נישט באלד דא אריינגעקומען? איהר ווייסט דאך, אז איך בין א גוטיטשקע און וואלט אייך אריינגעלאזט.

דאה'לע: טאקי א גוטע.

גוטשיא: איך האב טאקי באלד געזאגט, מ'זאל מיר דא אריינגעהן... איבערהויפט האמיר דאך דא מענער געזעלשאפט, דוד'ל איז א גאנץ פיינער קאוואליער.

דוד'ל: אבער געדענק אן גאט! איך איינער ביי אזוי פיעל דאמען? כ'בין דאך נישט זיכער מיט'ן לעבען!

שיינדעלע: האב נישט מורא, דוד'ל: זי האט דאך נאר א שפאס געמאכט. פערשטעהסט דו דען נישט אליין, אז פאר גוטשיא'ן פאסט נישט א קאוואליער אין א זיידענער קאפאטע מיט א סאמעט היטעל? זי איז דאך עפעס אונזער פאלקע! זי הייסט שוין נישט גיטעל, נאר גוטשיא! דו הערסט? גוטשיא הייסט זי!

גוטשיא: טשעפע נישט, שיינדעלע, ווארען אז נישט, וועל איך דיר צו דיין נאמען אויך צוזעצען א פאלנישע ענדונג.

שיינדעלע: דו קאנסט דאס נישט טהון. ווי וועסט דו מיך רופען? שיינדשיא? ס'זאגט זיך עפים נישט שעהן.

גוטשיא: כ'וועל דיך רופען סאלאמעא.

שיינדעלע: סאלאמעא? דאס קלינגט שוין ווי א גאנץ אנדערער נא-

מען. וויפיעל איך ווייס, געהט נאָך נישט דיין אַסימילאַטאָרישע טהעטיגקייט אויף אַזוי וויים. זעהסט, כ'האָב נישט וואָס מורא צו האָבען פאַר דיר.

לאה'לע: מ'ברויך גוטשיא'ן צו בעשטראָפען, ווייל זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט אונזער ציוניסטישע פיהרערין רופען מיט אַ נישט יודישען נאָמען.

אַלע: יאָ, יאָ, מ'מוז זי בעשטראָפען.

לאה'לע: אַלזאָ, מען מאַכט אַ זיצונג, כדי צו בעקלעהרען, וואָס סאַראַ שטראָף ס'קומט איהר. דוד'ל, אונזער איינציגער קאַוואַליער, וועט זיין פאָרזיצענדער.

דוד'ל: ניין, איך וועל זיין דער בעשולדיגער: זי האָט מיין דאַמע בעליידיגט.

לאה'לע: גוט, וועל איך זיין פאָרזיצענדע. דער בעשולדיגער האָט דאָס וואָרט!

דוד'ל (מיט אַ שמייכעל צו גוטשיא'ן): וואָרט, איך וועל דיר דאָ אַריינלעגען. (צו אַלע) געעהרטע ריכטער! דער פערברעכען, וועלכען די בעשולדיגטע איז בעגאַנגען, איז זעהר גרויס, און די שטראָף מוז דעריבער אויך גענוג גרויס זיין. כ'לעג פאָר, אַז מיר אַלע זאָלען זי גאַנצע דריי טעג רופען מיט איהר פרימיטיווען, יודישען נאָמען „גיטעל".

אַלע: בראַוואָ! בראַוואָ! גערעכט! בראַוואָ!

שיינדעלע: ניין, דאָס איז צופיעל. איך בין די בעשולדיגטע און האָב דאָס רעכט איהר אַ טייל שולד צו שענקען. כ'פערלאַנג נישט אַזאַ שטרענגע שטראָף. כ'וועל מיך בעגניגען לאָזען, אַז די בעשולדיגטע זאָל קויפען פאַר פופציג קאָפּיקעס הערצל'ס מאַרקעס.

געשריי'ען: ניין, דאָס איז ווייניג! ווייניג!

לאה'לע: לאָמיר הערען, וואָס די בעשולדיגטע זאָגט, בעשולדיגטע! דו האָסט דאָס וואָרט.

גוטשיאַ: פיעל געעהרטע דאַמען און זיידען סאַמעטענער קאַוואַליער! כ'אָנערקען זעלבסט, אַז מיין פערברעכען איז גרויס און בין דעריבער גרייט צו נעמען אויף זיך ביידע פאָרגעלייגטע שטראָפען: כ'נעהם פאַר פופציג קאָפּיקעס מאַרקעס און בעשטעה, מ'זאָל מיך גאַנצע

דרײַ טעג רופען „גיטעל‟ (געשרײַען: בראַוואָ)!

שײַנדעלע (דערלאַנגט איהר מאַרקעס): אַז אַזוי, ביזט דו אַ וואויל מײדעל. נאָר זאָלסט זײ אַלײן מיט דײַן האַנד פערברענען!

דוד׳ל (דערלאַנגט אַ ברענענד שוועבעלע): איך וועל אויך האָבען אַ שטיקעל חלק אין דער מצוה: כ׳דערלאַנג פײַער.

(גוטשיאַ צינדט אָן די מאַרקעס און האַלט זײ אין האַנד, ביז זײ פערברענען זיך אינגאַנצען).

אַלע: בראַוואָ! גוטשיאַ איז אַ ציוניסטקע! בראַוואָ! (געלעכטער)

שײַנדעלע: וואָס לאַכט איהר? גוטשיאַ איז אַ בעל תשובה, און מיר דאַרפען זי צו נעמען פרײַנדליך. (צו גוטשיאַ) קוק נישט, וואָס זײ לאַכען. פיהר דיך ווײַטער אָרענטליך, וועסט דו זײַן אַ וואויל קינד, און מ׳וועט דיך ליעב האָבען.

לאה׳לע: אַלזאָ, אײן העלפט שטראָף איז שוין אויסגעפיהרט געוואָרען און כ׳וויל גלויבען, אַז די צווײטע העלפט וועט ווערען אויסגעפיהרט פינקטליך. כ׳ערקלער די זיצונג אַלס געשלאָסען.

גוטשיאַ: נײן, נאָך נישט שליסען! מען מוז אָנקלערען, וואָס צו טהון ביז׳ן טישען.

שײַנדעלע: גערעכט. ווי דוד׳ל זאָגט מיר, וועט נאָך לאַנג דויערען צום טישען, און זיך גלאַט אַזוי אַרומדרעהען ביז דעמאָלט איז נישט קײן יושר.

דוד׳ל: לאָז יעדער עפּיס פאָרלעזען.

שײַנדעלע: אַך, וואָס פאַלט דיר אײַן! דאָס איז אויך הײַנט צו ערנסט.

לאה׳לע: ער וועט שוין באַלד זאָגען, אַז יעדער זאָל אויסזאָגען אַ בלעטעל גמרא.

דוד׳ל: דאָס וועל איך נישט זאָגען, וואָרען כ׳ווײס, אַז איהר קאָנט, נעבעך, נישט.

גוטשיאַ: לאָמיר שיקען נאָך דער מוזיק און מ׳וועמיר טאַנצען.

אַלע: יאָ, יאָ, אויסגעצײַכענט, זעהר גוט.

שײַנדעלע: דו ווײסט? דו האָסט אַזוי גוט געזאָגט, אַז כ׳בין גרײט דיר צו שענקען די שטראָף און דיך ווידער רופען גוטשיאַ. נו, פאַניע קאַוואַליערשע! דו האָסט געהערט, וואָס סאַראַ

בעשלום די דאמען האָבען אָנגענומען, און דו ביזט נאך דא? לויף געשווינד און ברענג די מוזיק.

חנה׳לע: דו האָסט נישט ווייט צו געהן: די מוזיקאנטען זענען דרויסען אויפ׳ן הויף. נו, לויף!

דוד׳ל: יאָ, לויף — איצט צום שיקען בין איך קאוואליער, דערנאך, ווען ס׳וועט קומען צום טאנצען, וועט איהר אייך נעמען אנדערע קאוואליערען.

גוטשיאַ: פארדעם בייגאַכט, ביים מצוה-טענצעל, וועסט דו שוין זיין אַ רעכטער קאוואליער. (דוד׳ל אָב)

שיינדעלע: לײדער, וועט ער דאס אויך נישט האָבען. כ׳האָב שוין געזאָגט דער מחותנת׳טע, זי זאָל נישט הייסען אָנרופען צום מצוה-טענצעל קיינעם, אויסער דעם עלטער-שוועהר, דעם מחותן און דעם חתן. מעהר קיינעם.

חנה׳לע: און די מחותנת׳טע וועט בעשטעהן?

שיינדעלע: זי וועט מוזען בעשטעהן! כ׳האָב איהר געזאָגט, אַז אויב מ׳וועט נאך עמיצען אָנרופען, וועט מען נאר מאַכען מענשען רעדען, וואָרען די כלה וועט נישט געהן.

לאה׳לע: און איך זאָג דיר, אַז ס׳בלייבט נאך נישט אַזוי. וועסט זעהן, ס׳וועלען זיין גע־טענה׳לצער.

שיינדעלע: און לאָז זיין! וואס דען? לאָזען טהון מיט שרה׳לען אַליין, וואס ס׳וועט זיי געפעלען? דערמאָן דיך נאר, צו טאנצען מיט מענשען, וועלכע דו קאָנסט רעכט נישט! און נאך סאָראַ טאנצען? זי וועט שטעהן מיט אַ טיכעל אין דער האנד, און אַלע מינוט וועט אַ אַנדערער צו געהן, אָננעמען פאר׳ן טיכעל און וועט נאך מיט איהר אַ דרעה ארומגעבען, ווי עפּיס... ס׳איז דאך אַזוי מיאוס!

גוטשיאַ: דו האָסט נאך נישט גוט געטהון: דו האָסט געבראָכט צו זאָגען, אַז מ׳זאָל גאָרנישט אָנרופען, קיינעם נישט.

שיינדעלע: גאָרנישט וואָלט מען מיך נישט געהאָרכט: ס׳איז אַ יודישער מנהג.

חנה׳לע: דוד׳ל זיצט דאך עפּיס אַזוי לאַנג?

לאה׳לע: ער וועט אודאי באַלד קומען. אָבער וואס וועמיר טאַנצען?

גוטשיאַ: לאָמיר מאַכען אַ מצוה-טענצעל! דוד׳ל וועט זיין די כלה,

ער וועט זיצען מיט א טיכעל אין האנד, און יעדעס מאל וועט מען אנרופען א אנדערער צום טאנצען.

שיינדעלע: אך! וואס פאלט דיר איין? פון א יודישען מנהג דארף מען נישט מאכען קיין שפאס: דאס וואלט געהייסען שפאסען פון זיך זעלבסט, זעה היט דיך! אויב דו וועסט נאך אמאל זאגען עפיס אזעלכעס, וועל איך דיך ווידער רופען גיטעל.

חנה׳לע: לאמיר טאנצען א לאנסער. דאס איז א גאנץ שענער טאנץ.

אלע: יא, טאקי, א לאנסער. אויסגעצייכענט.

לאה׳לע: איהר ווייסט? כ׳האב היינט א גאנצען טאג איינמאל געטאנצט.

שיינדעלע: איך האב קיין איינמאל אויך נישט געטאנצט. כ׳בין כסדר געוועזען פערנומען.

גוטשיא: איך האב יא צייט געהאט, האט מען מיך אבער אריינגעשטעלט אין א רעדעל — קלעצער, נישט קיין טענצערינס. מ׳האט געברויכט צושפאנען צו יעדער בעזונדער א פאר פערד, כדי זי פון ארט צו ריהרען. כ׳האב גערן געזעהן, אז כ׳דרעה מיך ארום.

חנה׳לע: ס׳איז גלאט געוועזען אזוי ענג, אז מ׳האט נישט געהאט, וואו א פוס צו שטעלען.

לאה׳לע: אבער צו א לאנסער דארף מען דאך אכט פערזאן, און מיר זענען דא נאר פיער?

חנה׳לע: מ׳וועט צו נעמען אסתר׳לען און די מחותנת׳טעס דריי טעכטער.

שיינדעלע: אסתר׳ל שלאפט; דער קאפ טהוט איהר וועה.

לאה׳לע: די מחותנת׳טעס טעכטער וועלען אויך נישט אריינקומען: די מוטער וועט זיי נישט לאזען, זי וועט מורא האבען, זיי זאלען נישט קאליע ווערען דא ביי אונז. (צו שיינדעלען) דו האסט בעמערקט, אז זיי האבען זיך איננאנצען געהאלטען פון דיר פון דערווייטענס? זיי האבען מורא געהאט, אז דאס בלויזע אנריהרען אן דיר וועט זיי שאדען.

גוטשא: אוי, זענען דאס כשרה בהמה׳לעך! היינט אין דערפריה זענען זיי אפשר צוויי שעה געשטאנען און גערדאוועט. מיט די גראבע סדורים אין האנד האבען זיי אויסגעזעהן אזוי קאמיש, אז

כ'האָב מיך קוים געקאָנט איינהאַלטען פון לאַכען.

שיינדעלע: און איך זעה נישט, פון וואָס דו האָסט דאָ געהאַט צו לאַכען. וואָס איז דאָ קאָמישעס, ווען אַ מענש איז פרום און דאַווענט? איך דאַווען אויך יעדען טאָג.

גוטשא: מילא, פון דיר איז דאָך נישטאָ, וואָס צו רעדען. דו האָסט דאָך אָפּט אַזעלכע מאָדנע איינפאַלען. דיר קען נאָך געפעלען דאָס, וואָס די אויסגעגעבענע טאָלטער טראָגט אַ טיפּע קופּקע?

שיינדעלע: אודאי געפעלט עס מיר! זי...

גוטשיא: וואָס? ס'געפעלט דיר? נו, האָסט דו טאַקי אַ גוטען גע־שמאַק. אַ ווייבעל פון צוואַנציג יאָהר אין אַ קופּקע! חאַ־חאַ־חאַ! אַ שען יונג פּנים'ל בעהאַלטען ביז אין די האַלבע אויערען אין אַ הייבעל! חאַ־חאַ־חאַ! און איהר געפעלט דאָס!

שיינדעלע (מיט אַ געלעכטער): אָבער מיר געפעלט נישט דאָס הייבעל! כ'האָב פיינד קופּקעלעך נישט ווייניגער, אַלס דו. (ערנסט) דאָך וועל איך נישט לאַכען פון דער מחותנת'טעס טעכטער. דערמאָן דיך נאָר: זי איז יונג, שעהן, פול מיט לעבען, זי וויל און קאָן גע־פעלען מענשען — און דאָך, ווען איהר גלויבען, איהר פרומקייט...

גוטשיא: זאָג פאַנאַטישקייט.

שיינדעלע: אמת, ס'איז טאַקי נאָר פאַנאַטישקייט, אָבער זי גלויבט דאָך אין דער פאַנאַטישקייט ערנסט און צוליעב דעם גלויבען האָט זי זיך ספּעשעט און אָנגעטהון אַ קופּקע — דאָס איז פון איהר אַ כח און זי פערדיענט, מ'זאָל זי דאַפיר שעצען, נישט אויסלאַכען.

גוטשיא: לויט דעם קומט דאָך אויס, אַז מ'ברויך דיין עלטער־שוועהר אויך צו שעצען פאַר זיין משוגה'דיג פּיהרעלע? ער לעבט אַזוי פיעל יאָהרען, ווי אַ פּוסטעלניק אָבגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט, זיצט שטענדיג פערמאַכט איינער אַליין און פערברענגט ס'רוב טעג אין פאַסטאַק — צו דעם דאַרף מען אויך אַ כח!

שיינדעלע: אודאי! דעריבער טאַקע מוז יעדער ערליכער מענש פּיה־לען צו איהם בלויז אַכטונג.

גוטשיא: טאַקע? נאָר פאַרוואָס דען רעכענסט דו דיך מיט איהם אַזוי ווייניג? פאַרוואָס, ווען ער האָט דיך געהייסען אָנטהון

א שטעל, האסט דו נישט געוואָלט איהם האָרכען?

שיינדעלע: דו ווייסט, וואס כ'וועל דיר זאָגען? אזוי לאנג דו האָסט געהייסען גיטעל, ביזט די געווען א גאַנץ קלוג מיידעל, נאָר צייט דו האָסט דיר דעם נאָמען געענדערט, האָט זיך דיר אויך דער שכל פערדרעהט. יעדער מענש, וואָס זיינע איבערצייגונגען זענען בײַ איהם טייער, מוז קאָנען שעצען אויך זיין ערליכען געגנער. אז מיין עלטער־שוועהר'ס איבערציינגונגען זענען ערליכע, אז מיט דעם, וואָס ער זאָגט און טהוט, מיינט ער נישט זיך פאַר עמיצען צו פערשטעלען, כדי צו בעקומען עפּיס א געצאָהלט דאַפיר, נאָר גלויבט ווירקליך, אַז א יוד דאַרף אזוי זיין — דאָס, גלויב איך, וועסט דו אויך מודה זיין. און אַז כ'זעה נאָך, דאָס דער ערשטער, צו וועמענס לעבען ער וויל צופאַסען זיינע איבערצייגונגען, איז ער אַליין און זאָגט זיך אָב צוליעב זיי פון אַלע וועלטליכע פערגניגענס — מוז איך איהם שעצען, אַלס ערליכען און ענערגישען מענש. אָבער פון דעם איז נאָך נישט געדרונגען, אַז איך טאָר נישט האָבען מיין אייגענעם גאַנץ אַנדערען בליק אויף דער וועלט, וועלכער זאָל מיר נישט וועניגער טייער זיין און...

(ס'קומט אריין דוד'ל מיט א פערזאָרגט פנים).

לאה'לע און חנה'לע (וועלכע האָבען צווישען זיך עפּיס גערעדט): נו, וואו האָסט דו די כלי־זמרים?

דוד'ל: זיי זענען שוין אהיים געגאַנגען. כ'האָב דעם שמש געשיקט נאָך זיי.

גוטשיא: א שאָד. ס'וועט אוראי דויערן ווי לאַנג, ביז זיי וועלען קומען.

חנה'לע: כ'וועל דערווייל געהן מיך איבערטהון.

שיינדעלע: איך וועל מיך אויך איבערטהון, כ'האָב נישט ליעב מיך אַרומצוטראָגען מיט אַזא לאַנגען טרען. איהר ווייסט וואָס? לאָמיר זיך אַלע איצט איבערטהון, וועט מען שוין קאָנען טאַנ־צען ביז'ן טישען.

גוטשיא, לאה'לע: דאָס איז גלייך, מ'וועט נישט ברויכען זיך דער־נאָך צו איילען.

חנה'לע: נו, קומט, לאָמיר נישט פערברענגען.

לאה׳לע (גענהענדיג צו דער טהיר): מאך דיך דאָ גרייט, שיינדעלע, מיר קומען באַלד צוריק. (לאה׳לע, גוטשיא און חנה׳לע אָב).

שיינדעלע (ציהט ארויס די נאָדלען און קעם פון איהרע האָר. שרייט נאָך): גע־דענקט, ברענגט מיט נאָך פיער פּערזאָן!

דוד׳ל: דו האָסט וויעדער אָנגעמאַכט אַ עסק! שטענדיג מוזט דו דיך פיהרען אַזוי, אַז מ׳זאָל האָבען מיט דיר צו טהון!

שיינדעלע: וואָס איז?

דוד׳ל: צו וואָס האָט דיר געטויגט זיך צו מישען אין שרה׳לעס גע־שעפטען און צו מאַכען אַ גע׳טענה׳לץ מיט דער מחותנת׳טע? שרה׳לע איז דאָך שוין נישט קיין קינד און קאָן זיך איהר שטעדטעל בעשטעהן! פאַרוואָס זיצט זי זיך שטיל און שטעלט נאָר אַלץ דיך אַרויס?

שיינדעלע: אָבער וואָס איז דען?

דוד׳ל: וואָס ס׳איז? געה אַריין, וועסט דו הערען, וואָס ס׳אַרא קאָך ס׳טהוט זיך דרינען. וואָס דער זיידע איז געוועזען ביז איצט פערמאַכט, איז אויך געוועזען איבער דעם. די מחותנת׳טע האָט איהם אָנדערצעהלט גאַנצע מעשיות אויף דיר, און ער האָט נאָך פאַר דער חופה געוואָלט צו דיר אַריינגעהן, נאָר די מאַמעשי האָט איהם קוים איינגעהאַלטען. איצט איז די מחותנת׳טע שוין ווידער דרינען ביי איהם, מיט אַ נייע מסירה: דו האָסט אָנגערעדט שרה׳לען, זי זאָל נישט וועלען עסען קיין קעסט, נאָר זאָל זיך באַלד מאַכען אַ געשעפט. און אַלץ נאָר אויף דיר! אויף שרה׳לען פערצעהלט זי גאָרנישט, שרה׳לע זאָגט זי, איז אַ יודיש ווייבעל, און נאָר דו לערנסט זי דאָס אַלץ.

שיינדעלע: אַזוי? גאַנץ גוט. ס׳איז גלייכער, אַז זי לעגט אַלץ אַרויף אויף מיר. איך וועל מיר שוין העלפען. אַבי זי לאָזט נאָר שרה׳לען צורוה.

דוד׳ל: איך וויל אָבער נישט, אַז מ׳זאָל דיך שטענדיג אַרומשלעפּען! כ׳וויל נישט, אַז יעדערער זאָל האָבען מיט דיר צו טהון.

שיינדעלע: דו ווייסט, וואָס כ׳וועל דיר זאָגען? ס׳וואָלט שוין צייט געוועזען, דו זאָלסט ווערען אַ ביסעל מעהר מענש. ס׳וואָלט שוין צייט געוועזען, דו זאָלסט דיך אָנהויבען צו פיהרען לויט

דיין איינענעם פערשטאַנד און נישט קוקען אַלץ, וואָס מענשען זאָגען.
זאָג מיר, כ׳בעט דיך, וואָס האָסט דו מורא? וואָס אַרט דיך, אַז
די מחותּנת׳טע איז בייז?

דוד׳ל: און דער זיידע?

שיינדעלע: דער עלטער־שוועהר? זיינ׳ס איז מיר טאַקע אַ רחמנות.
ער מיינט דאָך עס ערנסט און האָט אודאי דאָפּון יסורים.
איך בין איהם אָבער גאָרנישט שולדיג. איך גלויב אין מיינעם נישט
ווענינער, אַלס ער אין זיינעם.

דוד׳ל: אָבער פאַרוואָס שטעלסט דו דיך אַרויס פאַר יעדען? גאַנ־
גענוג שונאים האָסט דו אָהן דעם. צו וואָס זאָלסט דו דיר נאָך איינ־
קויפען שונאים פאַר יענעמס וועגען? צו וואָס טויג דיר דאָס?

שיינדעלע: כ׳בעט דיך, דוד׳ל, רעד נישט מעהר. וואָס זאָגסט דו?
כ׳זאָל לאָזען, שרה׳לע זאָל עסען אַ פּאָר יאָהר קעסט, און
דער מאַן איהרער זאָל זיך דורך דער צייט אַרומדרעהען אין בית־
המדרש און ווערען צום איבריגען פּער׳בטל׳ט. און דערנאָך?
ווען זי וועט שוין האָבען עטליכע קינדערלעך און וועט זיין אַ גרויסע
געברויכערין, וועט זי ערשט מיט אַ מאַן אַ בטלן געהן זוכען אַ גע־
שעפט? און דאָס זאָגסט דו, אַ ברודער? שעהם דיך! כ׳האָב שוין
עטליכע מאָל געהערט פון דיר די זעלבע פראַגע, צו וואָס דאָס טויג
מיר. ווען כ׳האָב אָנגעהויבען אַריינצוגעוועהנען צו מיר עטליכע מייד־
לעך און האָב זיי יעדעס מאָל עפּיס פאָרגעלעזען, האָסט דו אויך
געפרעגט דאָס זעלבע. לויט דיר, קומט אויס, אַז יעדער מענש דאַרף
זיין אַ צדיק אין פּעלץ און דאַרף נאָר קוקען זיך צו וואַרעמען. די
וועלט וואָלט שעהן אויסגעזעהן, ווען אַלע מענשען וואָלטען אַזוי געווען.

דוד׳ל (שוואַך און אַ ביסעל פערשעמט): מילא, פיהר ווי דו פערשטעהסט...
וועסט זעהן, דו וועסט אַמאָל איבערציהען ס׳שטריקעל.

שיינדעלע (צעלאָזט זיך די האָר און זעצט זיך צום שפּיעגעל מאַכען די פריזורע):
פערשטעל דיך נישט פאַר ערגער, אַלס דו ביזט. כ׳ווייס
דאָך, אַז אינוועניג ביזט דו שוין מודה, דאָס איך בין גערעכט, און
זעהסט אַליין, אַז דו האָסט שלעכט געזאָגט — וואָרען דו ביזט דאָך נישט
קיין שלעכטער — טאָ צו וואָס ענטפערסט דו ווייטער?... ברענג מיר
אַריין אַ פּעקעלע האָר־נאָדלען, ס׳ליגט דרינען אויפ׳ן וואַש־טיש.

דוד׳ל (געהט צום שלאָף־חדר) : יאָ , דו ביזט טאַקע גערעכט ; (שון פון שלאָף־חדר) אָבער ס׳ווילט זיך נישט זיין שטענדיג ביי מענשען אין מויל (צוריק אַרויסקומענדיג), נאָר דו מוזט שטענדיג אויספיהרען . (גיט איהר די האָר־נאָדלען) .

שיינדעלע : וויל נאָר , וועסט דו אויך אויספיהרען .

(דוד׳ל שטעהט אַ ווײַלע אונטער שיינדעלען און קוקט אויף איהרע צע־לאָזטע לאָקען , דערנאָך הילט ער זי אַרום מיט איהרע אייגענע האָר אַזוי, אַז מען זעהט אַרויס נאָר איהרע אויגען און אַ גאַנץ קליינע טייל פון פּנים.

דוד׳ל : ווי שען דו זעהסט אויס אַזוי ! אַ פיין איינהיל־טיכעל, אַזוי ליעב , קיהל און ווייך . . .

שיינדעלע : געה ! דו ריהר זיך נישט צו צו מיינע האָר ; דו האָסט געוואָלט , כ׳זאָל זיי אָבשניידען . . . כ׳בעט דיך, צו איז טאַקע דאָ עפּיס אַ דין , אַז מ׳טאָר נישט געהן אין די האָר ?

דוד׳ל : זעהסט , ווי פעסט דו ביזט ביי דיר , אַז מען מעג מעג ? דו ווייסט אפילו נישט, וואָס דער דין זאָגט וועגען דעם .

שיינדעלע : כּדי צו זיין זיכער , אַז מען מעג אַזעלכע זאַכען, ברויך איך נישט ערשט צו וויסען קיין דינים. ווען די מחותנת׳טע האָט מיר נעכטען געזאָגט , אַז ס׳איז נישט יודיש צו האַלטען בלומען , האָב איך זיך גוט אויסגעלאַכט און ס׳איז מיר גאָרנישט איינ־געפאַלען צו פרעגען, אויב ס׳איז אַזאַ דין. יעדע שע־ע זאַך זעהט ביי מיר אויס, ווי עפּיס אַזעלכעס, וואָס ס׳איז אַ עבירה עס קאַליע צו מאַכען, און כ׳וועל קיינמאָל נישט גלויבען, אַז גאָט הייסט אַזעלכע זאַכען פערדאַרבען. אפילו ווען מען זאָל מיר ווייזען אַזאַ דין, וועל איך אויך נישט גלויבען.

דוד׳ל : און דאָך פרעגסט דו !

שיינדעלע : גלאַט כ׳וויל וויסען , פון וואַנען דאָס נעמט זיך , וואָס מענשען זאָגען . דו ווייסט דאָך מסתמא , זאָג מיר עס . כ׳בין נייגעריג צו וויסען .

דוד׳ל : ס׳איז דאָ אַ דין , אַז מ׳טאָר נישט , אָבער דער־דין נעמט זיך פון אַ נאַרישקייט : פונקט ווי היינט ביי אונז רעכענט זיך, אַלס פערשייט , ווען אַפרוי געהט צופיעל דעקאָלטירט, אַזוי האָט זיך אַמאָל אין עטליכע לענדער אין אַזיע גערעכענט אַלס פאַרשייט צו

גערן מיט אַ אויפגעדעקטען קאָפּ, און אַלע ווייבער פלעגען זיך דאָרט אַרומבינדען די קעפּ מיט טיכלעך.

שיינדעלע: אודאי אַזוי ווי זיי טהוען זיך נאָך היינט, אויף אַ סך ערטער פערהענגען ס׳פּנים?

דוד׳ל: יאָ, און די דעמאָלדיגע יודישע ווייבער, אַלס דאָרטינע איינוואוי־נער, האָבען אויך געהאַלטען פון דעם מנהג.

שיינדעלע: און דאָס איז ס׳גאַנצע? אָבער היינט דאָ אין איי׳ראָפּע רעכענט זיך דאָך דאָס נישט פאַר פאַרשייט?

דוד׳ל: אונזערע רבנים ווילען אָבער דאָס נישט וויסען און האָבען פון די האָר געמאַכט אַ געזעץ.

שיינדעלע: נו און ווען אפילו אַ געזעץ, איז דאָך גענוג צו צודעקען פאַרוואָס נאָך אָבשניידען?

דוד׳ל: ס׳ווערט טאַקי אין ערגיץ נישט געברענגט, אַז מ׳דאַרף אָב־שניידען. פערקעהרט: די גמרא ברענגט אַ מעשה, וואו ס׳ווערט דערצעהלט, אַלס העלדישקייט פון אַ פרוי, וואָס האָט צוליעב דעם מאַן אָבגעשוירען די האָר.

שיינדעלע (ווענדעט זיך אום צו דוד׳לען): ס׳מוז זיין אַ שענע מעשה. פערצעהל (נעמט זיך צוריק צו דער פריזורע) פערצעהל.

דוד׳ל: ס׳איז געוועזען איינער אַ יוד, אַ זעהר אָנגעזעהענער מענש און אַ גרויסער גביר, כלבא שבוע...

שיינדעלע: דער פון די דריי, וואָס האָבען געוואָלט שפּייזען ירושלים בשעת דער בעלאַגערונג?

דוד׳ל: יאָ. האָט זיך זיין טאָכטער פערליבט אין איינעם אַ פּראָסטען יונג, עקיבא, אַ פּאַסטוך ביי איהר פאָטער, און האָט מיט איהם חתונה געהאַט. דער פאָטער האָט, נאַטירליך, נישט געוואָלט בעשטעהן אויף אַזאַ שידוך און האָט זיי אַרויסגעיאָגט פון זיין הויז.

שיינדעלע: אַך! אינגאַנצען אַרויסגעיאָגט? זי אויך?

דוד׳ל: יאָ. זי האָט איהר מאַן זעהר ליעב געהאַט, נאָר זי האָט נישט געקאָנט דערליידען זיין אַרט לעבען און דענקען. זי איז גע־וועזען ערצויגען צווישען איידעלע מענשען און איז אודאי געוועזען גע־לערנט אויך, און ער איז געוועזען גראָב, רוי, האָט אפילו קיין עברי נישט געקאָנט. זי האָט איהם דעריבער צוגערעדט, ער זאָל אַוועק

פאַהרען לערנען, און כּדי צו האָבען אויף הוצאות פאַר איהם, האָט זי זיך אָבגעשוירען די האָר, וועלכע זענען זעהר שען געוועזען, און האָט זיי פערקויפט.

שיינדעלע: (ווענדט זיך אום מיט איבעראַשונג) פערקויפט איהרע אייגענע האָר? אוי, האָט זי געמוזט איהם ליעבען!

דוד'ל: (בויגט זיך נאָהנט צו צו איהר) און דו וואָלסט נישט אָבגעשניטען די האָר צוליעב מיר?

שיינדעלע (קוקט איהם אין די אויגען מיט א גליקליכען שמייכעל): ניין, כ'האָב דיך נישט ליעב...

(זיי נעמען זיך אַרום, אין קיך הערען זיך טריט. זיי שפּרינגען אויף. דוד'ל לויפט אין קיך).

דוד'ל: (קומט צוריק) די כּלי־זמרים זענען שוין דאָ.

שיינדעלע: זיי זענען שוין דאָ, און איך בין נאָך נישט גרייט (ענדיגט שנעל די פריזורע) דוד'ל, גיב מיר אַרויס דעם העלען שלאָף־ראָק.

דוד'ל: אין שלאָף־ראָק ווערסט גאָר געהן אויף דער חתונה?

שיינדעלע: אין וואָס דען? אין קלייד קאָן מען זיך נישט ריהרען, און איך האָב ליעב צו העלפען בעדינען, נישט צו זיצען, ווי א מחותנת'טע.

(זי ענדיגט די פריזורע. דוד'ל דערלאַנגט איהר דעם שלאָף־ראָק. ס'קומען אַריין לאה'לע, גוטשיא, חנה'לע און פיער מיידלעך).

גוטשיא: נו, שיינדעלע! ביזט נאָך נישט גרייט?

מיידלעך: גוט נ'אָבענד!

שיינדעלע: גוט נ'אָבענד, גוט נ'אָבענד. (איבערוואַרפט זיך שנעל דעם שלאָף־ראָק) כ'בין שוין גרייט. די כּלי־זמרים קאָנען שוין אַריינגעהן... אָדער לאָזען זיי בעסער שפּיעלען אין קיך, וועט גראַמער זיין.

(דוד'ל רוקט אָב דעם טיש מיט שטוהלען אָן א זייט. שיינדעלע עפענט אויף ביידע העלפטען טהיר פון קיך און טראָגט צו שטוהלען פאַר די כּלי־זמרים, וועלכע זעצען זיך אויס פונקט געגען דער אָפענער טהיר).

גוטשיא: נו לאָמיר זיך אויסשטעלען, ווער וועט טאַנצען מיט וועמען?

לאה'לע: איך וועל טאַנצען מיט חנה'לען.

חנה׳לע: נאָר דו זאָלסט זיין העך. (שטעלען זיך אוים)

גוטשיאַ: און איך טאַנץ מיט שיינדעלע׳ן. שיינדעלע! מיר וועלען צו־זאמען טאַנצען. יאָ?

שיינדעלע (זייענדיג פערנומען ביי די כלי־זמרים): ל׳בעט אייך איבער: נאָך איין רגע: ל׳קום באַלד אַהין.

גוטשיאַ (צו די מיידלעך): נו שטעלט אייך אוים.

אַ מיידעל: וואָס וועט מען דען טאַנצען?

חנה׳לע: אַ לאַנסער. נעם דיר צו אַ פּאָר.

אַ מיידעל: אַז אַ לאַנסער, וועל איך נישט טאַנצען. ל׳האָב נאָך דאָס קיינמאָל נישט געטאַנצט.

2=טע מיידעל: איך טאַנץ יאָ אַ לאַנסער, אָבער נאָר אַלס דאַמע.

3=טע מיידעל: אַז אַזוי וועמיר צוזאַמען טאַנצען: איך טאַנץ אַלס העך. (שטעלען זיך אוים)

דוד׳ל (ווערט פאַרטיג מיט׳ן אַוועקרוימען און געהט צו שיינדעלע׳ן): גיי דאַ אַהין. איך וועל שוין דאָ אַלץ מאַכען אין אָרדנונג.

לאה׳לע (צו שיינדעלען, וועלכע קומט צו): שטעל נאָר עפּיס אוים. דו וועסט דאָך פיהרען. (ווייזט אויף צוויי מיידלעך) זיי טאַנצען נישט קיין לאַנסער.

שיינדעלע (צו די מיידלעך): איהר טאַנצט נישט קיין לאַנסער? (צו גוטשיאַן) גוטשיאַ, דו טאַנצט דאָך גוט. טאַנצט דו מיט איינער פון זיי, און איך וועל אויך טאַנצען מיט איינער. (צו די מיידלעך) איהר וועט זעהן, איהר וועט אייך באַלד אויסלערנען. (שטעלען זיך אוים)

כלי־זמר: מ׳מוז אָנצינדען אַ לאָמפּ. ס׳איז שוין דונקעל, און מ׳זעהט נישט צו שפּיעלען.

שיינדעלע (צום מיידעל): ענטשולדיגט נאָר איין מינוט. (צינדט אָן אַ לאָמפּ) ס׳איז טאַקי שוין דונקעל. ס׳איז שוין נאַכט, און די דינסט איז נאָך נישטאָ מיט׳ן קינד.

לאה׳לע: און וואָס האָסטו דו מורא? ס׳וועט זיך דערקיהלען אויף אַזאַ היץ?

שיינדעלע (עפענט ס׳פענסטער און קוקט אַרויס): אָבער ס׳איז שוין מעהר, ווי צוויי שעה, צייט זי איז מיט׳ן קינד אַוועקגעגאַנגען.

לאה'לע: נו, וואָס איז? די לופט איז גוט, זיצט זי מיט'ן אַביסעל לענגער.

שיינדעלע: ניין, כ'בין אונרוהיג. כ'איבּער בעט אייך: איהר וועט אויף מיר וואַרטען איינינע מינוט. כ'וועל נאָר אַ לויף אַרוים געבּען, זעהן נאָך דער דיענסט.

דוד'ל (האָט אַלעם ביי די כלי-זמרים ערלעדיגט): וואו וועסט דו איצט געהן, און אַלע זאָלען מוזען וואַרטען? זיי דאָ. איך וועל געהן. (אָפּ

לאה'לע: דו בּיזט אַ צו הייסע מוטער. אַ מעשה דאָ איז: ס'קינד איז אַביסעל לענגער אין דרויסען. נו, קום שוין אַהער! מוזיק! הויבּט אָן.

כלי-זמר: וואָס?

לאה'לע: אַ לאַנסער.

(די מוזיק שפּיעלט, זיי טאַנצען. פּלוצלונג ווערט די מוזיק שטיל, די כלי-זמרים שטעלען זיך ראַש אויף. און טהיר בעוויזט זיך ר' הערשעלע. די טענצערינס רוקען זיך שנעל אָב אין איין זייט אין אַ ווינקעל. שיינדעלע לויפט צו ר' הערשעלען, וויל איהם אָננעמען פאַר דער האַנד און צו פיהרען צו אַ שטוהל. ר' הערשעלע ווענדט זיך לייכט אָב און געהט אליין. די טענצערינס רוקען זיך דער-וויל שטיל אַרויס. אויך די כלי-זמרים פערשווינדען).

שיינדעלע: פאַרוואָס געהט דער שווער אַזוי גאָר אַליין? לאָז דער שוועהר לאָזען, איך וועל איהם צו פיהרען.

ר' הערשעלע: ניין, ניין, כ'וועל אַליין געהן... פיהר דו מיך נישט... (זעצט זיך אויף א שטוהל) דו האָסט שוין גענוג געפיהרט... שוין צופיעל, אַזש איבּערגעפיהרט. נאָר גענוג. מעהר וועט דאָס נישט זיין (הערבער) דו הערסט? מעהר וועט דאָס נישט זיין! איך פיהר, אין נישט דו! איך וועל אַזעלכעס נישט דערלאָזען — איך וועל נישט לאָזען, אַז אַ גאַנצע עדה יודען זאָל, חלילה, אַראָבּגעהן פון וועג איבּער מיינע קינדער! כ'וועל דאָס נישט לאָזען!

שיינדעלע: אָבּער לאָז זיך דער שוועהר בערוהיגען. כ'ווייס, אַז די מחותנת'טע האָט אויף מיר אָנפערצעהלט גאַנצע מעשיות; אָבּער דער שוועהר דאַרף איהר נישט גלויבּען. כ'האָבּ קיינעם קיין שלעכטס נישט געלערנט און איך אַליין טהו אויך נישט, חלילה, קיין שלעכטס. דער מחותנת'טע דאַכט זיך, אַז דאָס איז מי יודע וואָס,

אָבער ס'איז נישט אזוי. לאָז איהר דער שוועהר נישט גלויבען.

ר' העשעלע: כ'זאָל נישט גלויבען? דו טהוסט נישט קיין שלעכטס? און די חברה, וואס דו האסט געמאכט, איז גוט? און די ביכער, וואס דו טײַלסט, זענען גוט?

שיינדעלע: כ'זאָג דעם שוועהר אויף מײַן וואָרט, אז דאָס אַלץ זענען נישט, חלילה, קיין שלעכטע זאכען. די חברה איז אַ יודישע און האָט דעם ציעל צוריק צוגעפינען אַ שטיקעל הײם פאַר יודען, און די ביכער, וואס מיר לייענען, זענען אויך יודישע און לערנען בלויז גוטע זאכען. דער...

ר' העשעלע: (כאפּט זיך אויף): וואָס? אַ יודישע חברה איז דאָס? אָבּ־צולייקענען משיח'ן און זיך איינצורעדען, אז מ'וועט אַליין ברענגען די גאולה איז יודיש? און ספרים חיצונים זענען יודיש? אוי לאזנים שכך שומעות! דו האָסט נאָך אַ העזה צו זאָגען, אז די ביכער לערנען גוטע זאכען? פון וואָס דען איז שרה'לע קאַליע געוואָרען? די מוטער האָט זי אזוי געלערנט? ביי מיר האָט זי צוגעזעהן אזעלכע דרכים?

שיינדעלע: וועגען שרה'לען קאָן איך גאָרנישט ענטפערן, וואָרען כ'ווייס נישט, וואָס די מחותנת'טע האָט אויף איהר אויסגע־קלערט — נאָר דער שוועהר מעג מיר גלויבען, אז שרה'לע איז גאַנץ יודיש און הלואי...

ר' העשעלע: יודיש איז זי? אַ יודיש ווייבעל געהט אין אַזעלכע וועגען און דו ביזט אויך יודיש? געהסט מיט די בלויזע האָר, ווי ביי די גוים? בנות ישראל שצנועות הן זענען זיך מתיר אזא פריצות?

שיינדעלע: מילא, פון דעם ווייסט דאָך דער שוועהר שוין פון לאַנג: כ'בין דאָך קיינמאָל נישט געגאַנגען אנדערש, און דער שוועהר האָט גאָרנישט געזאָגט.

ר' העשעלע: וואָס? כ'האָב גאָרנישט געזאָגט? כ'בין בעשטאַנען, אז מײַן קינד זאָל ארויסגעהן פון יודישען דת? כ'האָב גע־שוויגען, ווייל מ'האָט מיך אָבגענאַרט! מ'האָט מיר געזאָגט אַ ליגען, אז דו ביזט בעסער געוואָרען און געהסט שוין יודיש!

שיינדעלע (איבערראשט): וואָס? מ'האָט דעם שוועהר געזאָגט, אז כ'האָב

אָנגעטהון אַ שײטעל?... כ׳שווער בײַ מײַן וואָרט, אַז איך האָב ניִשט געוואוסט דאַפֿין, און ס׳פּערדריסט מיך, וואָס מ׳האָט עס געטהון. איך וואָלט מיר קײנמאָל ניִשט ערלויבט דעם שווער אַ ליִגען צו זאָגען. אָבער וואָס איז דען, אַז כ׳געה אין די אײגענע האָר? טאָר מען דען ניִשט?

ר׳ העשעלע: נײן מ׳טאָר ניִשט! אונזער תורה זאָגט, אַז מ׳טאָר ניִשט! עוברת על דת יהדות רופט די גמרא אָן אַזעלכע!

שײנדעלע: נו, יאָ, די גמרא — דעמאָלט איז עס טאַקע געוועזען אַ פּערברעכען. ס׳איז געוועזען פּערשײַט, ווײַל קײנער איז ניִשט געגאַנגען מיט אַ אויפגעדעקטען קאָפּ — אָבער הײַנט פּאַרוואָס זאָל מען ניִשט מעגען? הײַנט געהען דאָך אַלע אַזוי!

ר׳ העשעלע: וואָס? וואָס האָסטו געזאָגט? (כאַפּט זיך פּאַר׳ן קאָפּ) וועה צו מײַן גראָהען קאָפּ! וואָס האָב איך דערלעבט אויף מײַנע אַלטע יאָהרען: מײַן קינד איז מגלה פנים בתורה שלא כהלכה...

(ס׳קומט אַרײַן דוד׳ל מיט יוסעלע׳ן אויף דער האַנד. שײנדעלע לויפֿט איהם אַ קעגען אַ דערשראָקענע).

שײנדעלע: וואָס איז? וואָס טראָגסט דו איהם עפּיס? וואו איז די דינסט? (נעמט פֿון איהם ס׳קינד).

דוד׳ל: דאַכט זיך מיר, אַז ער איז עפּיס ניִשט געזונד; ער האָט אַ ביסעל היץ.

שײנדעלע (טהוט צו די ליפּען צום קינד׳ס קעפּעל): ער גליהט דאָך אינגאַנצען! (צום קינד) יוסעשי, ס׳טהוט דיר עפּיס וועה? (צו דודל׳ן) ער קען דאָך גאָרניִשט עפּענען די אײגלעך! געה נאָכ׳ן דאָקטאָר (זי געהט מיט׳ן קינד אין שלאָף־חדר) יוסעשי, כשר־קינד־לעב...

דוד׳ל (נאָכגעהענדיג אין שלאָף־חדר): כ׳האָב שוין געשיקט נאָכ׳ן די דינסט. (ביידע אָב).

ר׳ העשעלע וויל מיט געהן אין שלאָף־חדר, אָבער די פֿיס דינען איהם ניִשט. ער בלײַבט שטעהן אויף אַ אָרט, צוהאַלטענדיג זיך מיט אײן האַנד פּאַר׳ן טיש. ס׳קומט אַרײַן דער דאָקטאָר, פּערנויגט זיך טיעף פּאַר׳ן רב און געהט צו איהם צו. ר׳ העשעלע ווײַזט איהם מיט דער האַנד אויף דער שלאָף־שטוב און רעדט קיים אַרויס: „דרינען" דער דאָקטאָר געהט אַרײַן. דוד׳ל קומט אַרויס, געהט

שנעל אין קיך און לויפט באלד צוריק אין שלאף־שטוב מיט א לעפעלע אין האנד. ר׳ העשעלע קאן נישט מעהר שטעהן און זעצט זיך שווער אויף א שטוהל. (ס׳קומט ארויס דער דאקטאר).

ר׳ העשעלע: נו?

דער דאקטאר: ער האט א דיפטעריט אין העלזעל, אבער ס׳שאדט נישט: ס׳איז נאך גאר אין אנפאנג. (שרייט אריין אין שלאף־שטוב) ברענגט באלד דעם סערום! איך קום שוין צוריק. (אב)

ר׳ העשעלע (שאקעלט שמערצליך מיט׳ן קאפ צו זיך): געשטראפט... שוין געשטראפט... תנוקות שלא חטאו ליידען נעבעך איבער זייער זינד...

(ס׳קומט אריין שיינדעלע מיט א פערשריבענעם רעצעפט אין האנד. זי נעמט פון קאנאפע א טיכעל, הילט זיך שנעל איין און וויל ארויסגעהן. זי דערהערט ר׳ העשעלע׳ס לעצטע ווערטער).

שיינדעלע (זעהר אויפגערעגט): שוועהר! איך וויים, אז כ׳האב נישט גע־זינדיגט און, אויב אפילו יא, גלויב איך, אז גאט איז א גוטער און וועט נישט שטראפען מיין קינד איבער מיר, און אז דער שוועהר זאגט נישט אזוי, אז דער שוועהר גלויבט, דאס גאט קאן שטראפען אזא אונשולדיג מלאכ׳ל איבער מיינע זינד — איז דער שוועהר א שלעכטער, און דעריבער שטעלט זיך איהם אויך גאט פאר אלס שלעכטער. (ראש אב דורכ׳ן הינטערגרונד. ר׳ העשעלע כאפט זיך אויף).

פארהאנג.

דריטער אַקט.

סצענע: אַ שלאָף-שטוב. אין הינטערגרונד אַ פענסטער מיט אַ אַראָבגעלאָזטער ראָלעט. לינקס אַ טהיר. מעבלירונג: צוויי בעטען, אַ קאַנאַפּקע, אַ וואַש-טיש און אַ וויעגעל. צווישען די בעטען אַ קליין טישעל מיט אַ אויסגעלאָשען ליכט און עטליכע ביכלעך. איבער׳ן וואַש-טיש, הענגט אַ שפּיעגעל. אויפ׳ן וואש טיש, צווישען פלעשלעך מעדיצין, אַ בעקען מיט וואַסער, אַ וועק-זייגער און נאָך אַנדערע קלייניגקייטען — ברענט אַ לאָמפּ, איבערדעקט מיט אַ מילך-גלאָז שיין. צו דער זייט פון וויעגעל איז די גלאָז שיין איבערדעקט מיט אַ סערוועט, אַזוי, אַז ס׳וויעגעל איז פערזונקען אין האַלבער דונקעלקייט. אין דער שטוב הערשט אַ אונאָרדנונג. אינ׳ם וויעגעל ליעגט יוסעלע געפעהרליך קראַנק, אויף אַ בענקעל נעבען וויעגעל, מיט׳ן רוקען צו דער נה ויצט שיינדעלע, דעם קאָפּ אַראָבגעהאָנגען און שלאָפט. ס׳קומט אַריין מירעלע פערהילט אין אַ טיכעל.

מירעלע (נאָך פון דער טהיר): נו, וואָס הערט זיך? (קומט צו נעהנטער און דערזעהט שיינדעלע שלאָפט, שטיל צו זיך) שלאָפט... נעבעך... וויפיעל נעכט שוין נישט געשלאָפען... (געהט שטיל צו. גיט נישט גערן אַ קלאַפּ מיט׳ן פּים. שיינדעלע כאַפּט זיך אויף מיט שרעק, בליקט אונרוהיג צום קינד) דו האָסט דיך דערשראָקען? (שיינדעלע גיט אַ לייכטען ציטער און דרעהט זיך ראַש אום צו מירעלען) וואָס שרעקסט דו זיך אַזוי, שיינדעלע?

שיינדעלע: כ׳שלאָף שוין לאַנג? מ׳ברויך אודאי שוין איינצוגעבען. אַזוי פערשלאָפען... (נעמט שנעל פון וואַש-טיש דעם זייגער, קוקט אויף איהם. בערוהיגט) אינגאַנצען ערשט צעהן מינוט, ווי כ׳האָב איהם

איינגעגעבען. ס'האָט זיך מיר געדאַכט. אַז כ'שלאָף שוין שעה'ן...
די שוויגער איז שוין לאַנג דאָ?

מירעלע: ניין, כ'בין ערשט געקומען. דער רעגען יאָגט אַזוי אין
פנים, אַז ס'איז אונמעגליך צו געהן.

שיינדעלע: אַך... כ'האָב גאָר פערגעסען, די שוויגער קומט פון היי-
ליגען אָרט... איהר זאָלט האָבען אַלדאָס גוטס, געזעגנט,
(מיט אַ ציטערן אין קול) דער אויבערשטער זאָל זיך דערבאַרעמען, ס'זאָל
שוין גענוג זיין... (האַקט אָב מיט טרערען, זעצט זיך צוריק מיט אַ נידעריג גע-
בויגענעם קאָפּ).

מירעלע: אמן. (בייגט זיך נידריג איבער'ן וויעגעל, צום קינד מיט געוויין): דיין
זיידע זאָל זיך דאָרט מיהען פאַר דיר. דו זאָלסט געהאָלפען
ווערען מיט אַ רפואה שלימה... ס'זאָלען דאָך שוין אָבגעטהון ווערען
פון דיר דיינע יסורים, נעבעך... (נאָך אַ ווײלע גלײַבט זי זיך אויס צו שיינ-
דעלען) דער דאָקטאָר איז געוועזען?

שיינדעלע: נאָך נישט. דוד'ל איז נאָכ'ן געגאַנגען.

מירעלע: ווערסט מיך האָרכען? געה לעהן זיך צו אַביסעל, איך וועל
דאָ זיצען. (שיינדעלע ריהרט זיך נישט) האָרך מיך, שיינדעלע.
(טהוט אויס ס'איינהיל-טיכעל און זעצט זיך אויף דער קאַנאַפּקע ביי דער וויעג) געה,
ווערסט דיך אַ ביסעל איבערשלאָפען.

שיינדעלע (נישט ריהרענדיג זיך): ס'שלעפערט מיך נישט.

מירעלע: ס'שלעפערט דאָך דיך יאָ! געה, שיינדעלע, דו האָסט דיך
שוין מעהר ווי אַ וואָך נישט אויסגעטהון.

שיינדעלע: ס'שלעפערט מיך נישט. כ'האָב מיך איבערשלאָפען דאָ
אויפ'ן בענקעל.

מירעלע: ווי לאַנג ביזטו געשלאָפען, אַ פּאָר מינוט... אַזאַ שלאָף
האָט אַ גרויסען טעם. מ'ווערט נאָך מעהר צובראָכען. אַז
דו ווערסט, חלילה, אויך קראַנק ווערען, וועט שוין בעסער זיין? געה,
שיינדעלע, האָרך מיך. איך וועל דאָ זיצען. נו, זיי נישט איינגעשפּאַרט.

שיינדעלע (מיט טרערען): כ'קען נישט אַוועקגעהן. (שאָקעלט לײַכט ס'וויגעל)

(מירעלע קוקט שטיל אויף שיינדעלען. זי וויל עטליכע מאָל עפּיס זאָגען,
האַלט זיך אָבער צוריק. פיהלט זיך אין פערלעגענהייט, ענדליך בעשליסט
זי זיך).

מירעלע (נישט דרייסט) : שיינדעלע, דו ווילסט אפשר ... (שיינדעלע הויבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אויף מירעלען. מירעלע ווערט צומישט, פּלאָנטערט זיך) כ׳ווייס ... אַ גאַנצע וועלט זאָגט ... אפשר טאַקי ... (שיינדעלע לאָזט צוריק אַראָב דעם קאָפּ) אפשר וועט דאָס העלפען ... (עטוואָס דרייסטער) דו ווייסט, כ׳האָב דיר קיינמאָל נישט געזאָגט קיין דעה. דו האָסט נישט געוואָלט אָבשעהרען, דוד׳ל האָט אויך נישט געוואָלט, געזאָגט, אַז מען מעג, האָב איך מיך גאָרנישט אָנגערופען ; כ׳האָב נאָך געזעהן, אַז דו זאָלסט פון עלטער־שוועהר, פון טאַטען מיינעם, נישט האָבען קיין עגמת נפש. כ׳האָב מיר געראכענט : יונגע קינדער, באַלד זיי מאַכען קרענקונג ? אפשר ווייסען זיי בעסער... אַז ס׳איז אָבער אויסגעגאָסען געוואָרען אַזאַ גאָט׳ס צאָרן... (וויינט) אַזאַ גאָלדען קינד, אַזאַ שעהן בלימעלע... געהט אויס ווי אַ ליכט... אַלע זאָגען... (האַנקערט זיך) דער זיידע זאָגט אויך, אַז מ׳האָט עס פערזינדיגט (שיינדעלע גיט אַ ציטער) שיינדעלע, דו ביזט דאָך... (שיינדעלע גיט אַ הילכיגען שלוכץ, מירעלע האַקט אָב אין מיטען רעדען. קוקט מיטליידיג אויף שיינדעלען).

(אין טהיר בעוויזט זיך חוה׳לע, מירעלע דערזעהט זי, געהט צו איהר אַהין און ביידע פערשווינדען. שיינדעלע זיצט אַ צייט שטיל. שטעהט דערנאָך אויף און געהט לאַנגזאַם איבער דער שטוב שטאַרק פערקלערט).

שיינדעלע (צו זיך) : און אפשר טאַקע... אַזאַ טייער קינד... פערזינדיגט... אייגענע האָר... (שטעלט זיך אָב, דריקט צו דעם קאָפּ צו דער קאַלטער וואַנד, כאַפּט זיך אויף) ס׳איז נישט מעגליך! אַ ליגען! גאָט איז נישט אַזאַ שלעכטער... (נאָכדענקענד) ער שטראָפט נישט קיין קינד איבער זיין זינדיגער מוטער... (שטעלט זיך אָב. דריקט פעסט מיט ביידע הענד דעם קאָפּ) אוי, דער קאָפּ. (געהט איבער דער שטוב) זינדיגע מוטער... בין איך טאַקי אַ זינדיגע... אַ טעות געהאַט... און דוד׳ל... (ס׳קומט אַריין אסתר׳ל, שיינדעלע לויפט צו און פאַלט אויף איהר אַרויף) זאָג מיר, כ׳בין אַ זינדיגע ? זאָג מיר, אסתר׳ל, וואָרען דער קאָפּ ווערט מיר צושאָסען, כ׳ווער משוגע !

אסתר׳ל (דערשראָקען) : וואָס רעדסט דו עפּיס ? שיינדעלע ! בערוהיג דיך... דו אַ זינדיגע ? מיט וואָס ?

שיינדעלע : כ׳בין אַ זינדיגע... מיין קינד׳ס רוצח... איך האָב׳ן פער־

וינדיגט... די אייגענע האָר... נאָך אַנדערע געמאַכט זינדיגען...

אסתּר׳ל: אָבער וואָס רעדסט דו? דו זאָלסט אַזעלכעס זאָגען? דו, וואָס ביזט שטענדיג געוועזען אַזוי פעסט און איבערצייגט, אַז מיר אַלע האָבען דיך מקנא געוועזען?

שיינדעלע: אַלע זאָגען... אַלע זאָגען, אַז איבער מיינע זינד... און אַז אַלע זאָגען, גלויבסט דו? דו פערשטעהסט נישט אַליין, וואָס מען מעג און וואָס מ׳טאָר נישט, נאָר דאַרפסט ערשט פרעגען ביי מענשען? פערשטעהסט נישט אַליין, אַז גאָט פערלאַנגט נאָר פון מענש, דאָס ער זאָל זיין גוט און ערליך און אַלע איבריגע נאַרישע געזעצען האָבען נאָר מענשען אויסגעקלערט? נאָר וואָס דאַרף איך דיר דאָס אַלץ צו זאָגען, דו ווייסט דאָך עס בעסער פאַר מיר! איך האָב עס דאָך ערשט פון דיר געהערט! דאַרף איך דיר דיינע אייגענע ווערטער איבער׳חזר׳ן? (פיהרט צו שיינדעלען צו דער קאַנאַפּע) און ווען אפילו מ׳טאָר עס טאַקע נישט, גלויבסט דו, אַז דער אויבערשטער איז אַזוי אונגערעכט און שטראָפט פאַר אַזאַ קלייניגקייט אַזוי שטרענג? און נאָך וועמען? אַ פּיצעלע קינד, וואָס איז גאָר נישט שולדיג? איבעררעכען דיר אַליין!

שיינדעלע (זעצט זיך שווער. לאָזט אַראָב די הענד אָנמעכטיג אויף די קניען): כ׳קאָן מיר גאָרנישט איבעררעכענען... כ׳ווייס גאָרנישט... ער איז דאָך, נעבעך, אַזוי קראַנק... (וויינט)

מירעלע (קומט אַריין): שיינדעלע, דער טאַטעשי זאָגט, מ׳זאָל פאַר אַ סגולה וועגען פערקויפען ס׳קינד. מ׳וואָלט עס אפשר געטהון? חוה׳לע די קרעמערין האָט אַזאַ גליק צו קינדער... אַכט קינדער האָט זי געהאַט און האָט זיי אַלע, קיין עין הרע, אַזוי גרינג ערצויגען. מ׳וואָלט אפשר איהר פערקויפט? זי איז דרינען, חוה׳לע. זאָל איך זי אַריינרופען?

שיינדעלע: וואָס וועלען מיר העלפען אַזעלכע נאַרישקייטען... אַ קאָמעדיע מאַכען... אָבנאַרען דעם רבונו של עולם...

מירעלע: אָבער ס׳קאָן דאָך נישט שאַדען? דער טאַטעשי זאָגט, אַז ס׳איז אַ סגולה...

אסתּר׳ל (שטיל): לאָז די מאַמעשי געהן לאָזען. זי האָט אַזוי אויך געניג, צוואָס זאָל מען זי נאָך אויפרעגען מיט אַזעלכע

פּוסטע צערעמאָניעס? (מירעלע קלערט אַ ווײַלע און גײט אונצופריעדען לאַנגזאַם צו דער טהיר).

שײַנדעלע (שטיל, ווי שעמעוודיג): און לאָז זי די שווינגער אַרײַנרופען. (פערשטעלט זיך ס'פּנים מיט בײדע הענד. אסתר'ל קוקט אויף איהר פערוואונדערט).

מירעלע (צופריעדען): וואָס דען? ס'איז דאָך אַ סגולה! אפשר וועט דער אויבערשטער העלפען...

(מירעלע פערשווינדט און קומט באַלד צוריק מיט חוה'לען).

חוה'לע: גוט נ'אָבענד! (קומט נאָהענט צום וויעגעל) גוט נ'אָבענד (שײַנדעלע קוקט מיט שטאַרע אויגען) נו, וואָס הערט זיך? (בויגט זיך אַראָב צום קינד) מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז גאָר נישקשה, ער עטהעמט אַזוי לײַכט. דער אויבערשטער וועט העלפען... (שײַנדעלע קוקט אויף איהר ווי גאַרנישט ווי־סענדיג. אַ דריקענדע פּויזע).

מירעלע (שטיל): נו, חוה'לע, גיב איהר. (צו שײַנדעלען) וועסט נעמען פון איהר אַלצעהן גראָשען, חי, פּאַר... דער טאַטעשי האָט דאָס געהייסען פּאַר אַ סגולה.

חוה'לע (גיט שײַנדעלען געלט): דו ווייסט דאָך, שײַנדעלע, אַז דאָס איז נאָר גלאָט אַזוי, פּאַר אַ סגולה ווענען... דו וועסט זעהן, ער וועט נאָך מיט'ן אויבערשטענס הילף געזונד ווערען... בײַם הימעל איז אַלץ מעגליך... (שטילע פּויזע)

מירעלע (נישט דרייסט): נו זאָג, שײַנדעלע, אַז דו פערקויפסט...

שײַנדעלע (אויטאָמאַטיש) כ'פערקויף אײַך מײַן קינד.

חוה'לע (שטיל, נישט דרייסט): מען מוז זאָגען דעם נאָמען...

שײַנדעלע (ווי פריהער): מײַן קינד יוסעלע. (אסתר'ל קאָן זיך נישט אײַנהאַלטען פון וויינען און גײט שנעל אַרויס).

מירעלע: אַלטער יוסעלע...

שײַנדעלע: מײַן קינד אַלטער יוסעלע... (ברעכט אויס אין אַ שטאַרק געוויין).

מירעלע (צו חוה'לען מיט געוויין): און פון הײַנט אָן איז ס'קינד אין גאַנצען דײַן... אוי, רחמנות'דיגער גאָט, דו זאָלסט פון איצט אָן זײַן מזל עפּיס ענדערען צום גוטען, ס'זאָלען דאָך שוין גענוג זײַן זײַנע יסורים, נעבעך...

חוה'לע: אמן. איהר וועט זעהן, אַז ס'וועט אם ירצה השם זײַן אַל־

דאָס גוטס און איהר וועט נאָך פון איהם נחת דערלעבען. ס'איז גאָר נישקשה. מ'ברויך נישט ערגער, ווי ביי...

שיינדעלע (אין געוויין): איינציגוויים נעמט מען איהם צו ביי מיר... צו ערשט אַ פרעמדען נאָמען איהם צו געגעבען, איצט שוין פערקויפט...

חוה'לע: אָבער וואָס זאָגסט דו, שיינדעלע! דו ווייסט דאָך, אַז ס'איז נאָר גלאַט אַזוי פּאַר... (שיינדעלע וויינט וואָס אַמאָל שטאַרקער).

מירעלע (שטיל צו חוה'לען): לאָמיר געהן. זי וועט אונז נישט זעהן, וועט זי זיך גיכער בערוהיגען! (זיי געהן ביידע צו דער טהיר).

חוה'לע (ווענדט זיך אום): דער אויבערשטער זאָל שיקען אַ רפואה שלימה פון גן עדן... (חוה'לע און מירעלע אָב)

שיינדעלע: איינציגוויים נעמען זיי איהם צו ביי מיר... פערקויפט... (כאַפּט זיך אויף און לויפט צו דער טהיר) ניין, כ'פערקויף נישט מיין קינד! כ'וויל נישט, אַז מיין קינד זאָל הייסען... (שטעלט זיך אָב) ס'איז גלייבער אַזוי... חוה'לע איז אַ ערליכע יודענע... איך בין אַ זינדיגע (געהט איבער דער שטוב) אַלע זאָגען... איבער מיינע זינד... (פאַלט אַנידער אויף די קניען, נעמט אַרום ס'וויגעל מיט ביידע הענד) ניין, דו וועסט נישט ליידען איבער מיינע זינד... כ'וועל אַלץ טהון, אום דו, מיין האַרץ, זאָלסט לעבען; אַלץ, אַלץ וועל איך טהון, ס'לעבען וועל איך אַוועקגעבען, אַבי נאָר דו זאָלסט מיר געזונד זיין...

זי גראָבט איין איהר קאָפּ אין די קישענס פון וויגעל. מ'הערט איהר פערשטיקט געוויין. ס'קומט אַריין ר' העשעלע. שיינדעלע לויפט צו איהם צו).

שיינדעלע: הייליגער שוועהר! לאָזט מיר געהן מיין איינציג שוועלבעלע! ערבאַרעמט אייך! ער איז דאָך גאָרנישט שולדיג! פאַרוואָס האָט איהר איהם געשטראָפט?

ר' העשעלע: איך האָב'ן געשטראָפט?!

שיינדעלע: יאָ, איהר. ס'קינד איז געוועזען געזונד און פריש און אַזוי ווי כ'האָב נאָר אייך אַ קעגען גערעדט, איז ער באַלד קראַנק געוואָרען. אָבער וואָס איז ער שולדיג? שטראָפט מיך, איך האָב געזינדיגט, און לאָזט מיר געהן מיין קינד, האָט רחמנות אויף מיין איינציג קינד!

ר' העשעלע (קוקט אויף איהר מיט רחמנות, ווייך): דו האָסט אַ טעות, שיינ-

דעלע, איך שטראָף נישט. נאָר גאָט, ברוך הוא, מעג שטראָפען, נישט אַ מענש. צו גאָט, ברוך הוא, בעט. (מיט אַ ציטערן אין קול) ער איז אַ אל רחום וחנון און וועט שיקען די הילף דורך זיין מלאך... (געהט צום ווינגעל און שעפטשעט עפּיס שטיל איבער'ן קינד).

שיינדעלע (שטעהט הינטער איהם): בעט, שוועהר, בעט פאַר איהם... איך בין נישט ווערט, כ'בין אַ זינדיגע... בעט איהר פאַר איהם... איהר זענט אַ צדיק, אייער תפלה וועט מען צו הערען... בעט פאַר מיין קינד... ער איז דאָך אַזוי קראַנק... (וויינט)

ר' העשעלע (ווענדט זיך אום צו איהר): פאַר'ן כסא הכבוד איז בלויז רחמים און יעדענס תפלה ווערט צוגענומען. אפילו ווער ס'זינדיגט, אז ער האָט נאָר באמת חרטה, איז מען איהם מוחל און זיין בקשה ווערט צוגעהערט. דו ביזט נישט קיין זינדיגע, דו האָסט גוטע יודישע מדות. דו האָסט נאָר אַביסעל געבלאָנדזשעט און איצט קומסט דו צוריק מיט אַ לב נשבר, פול מיט חרטה (שיינדעלע פערשטעלט זיך ס'פנים און וויינט שטיל) בעט, דער אויבערשטער מיט זיינע גרויסע חסדים וועט דיר העלפען... יוחנן! (יוחנן קומט אריין) פיהר מיך אין שוהל אריין... און וועסט זאָגען אַלע מלמדים, לאָזען זיי קומען מיט זייערע תלמידים... תהלים זאָגען... (געהענדיג) שערי דמעות לא ננעלו... דער הימעל וועט זיך דערבאַרמען... (אָב)

(שיינדעלע שטעהט אַ ווילע פערדעקט ס'פנים און וויינט. דערנאָך געהט זי מיט פעסטע טריט צום וואַש-טיש, נעמט אַ שער'ל און וויל זיך אָבשעהרען די האָר. זי גיט אַ בליק אין שפּיגעל און די הענד פאַלען איהר אָהנמעכטיג אראָב. זי שטעהט אַ ווילע, ווי קעמפּפענדיג מיט זיך. זי נעמט אָן אַ פעסטען בעשלוס און הויבט אויף די האַנד מיט'ן שער'ל צום קאָפּ. די האַנד ציטערט איהר אָבער און ס'שעהר'ל פאַלט אראָב אויפ'ן וואַש טיש-מיט אַ רעש. זי בלייבט אַ ווילע ווי דערשראָקען).

שיינדעלע: כ'קאָן נישט... ס'האַרץ קלאַפּט מיר, ווי כ'וואָלט עמיצען געהרג'עט... (לויפט צו און פאַלט אַרויף אויפ'ן וויגעל מיט אַ געוויין) זיי נישט בייז, קינד לעב, זיי נישט בייז אויף דיין שלעכטער מאַמע... כ'קאָן נישט... (הייבט אויף דעם קאָפּ, ווי אויפקומענדיג פּלוצלונג ווי פון אַ חלום) וואָס ס'אַרא נאַרישקייטען! כ'טאָר נישט טראָגען די האָר, וואָס גאָט האָט מיר געגעבען?... (זי בלייבט שטעהן אויף די קניען שטאַרק פערטראַכט.

(ס'קומט אַריין אסתר'ל און, דערזעהענדיג ווי שיינדעלע זיצט, בלייבט זי ערשטוינט געהט צו און נעהמט שיינדלען פאַר דער האַנד).

אסתר'ל: שיינדעלע! ווי אַזוי זיצט דו? דו ביזט דאָך עפּיס גאָר אוים מענש? (שיינדעלע הויבט זיך שווער אויף און זעצט זיך אויף אַ שטוהל) וואָס טהוט זיך דאָס מיט דיר? דו ביזט דאָך שטענדיג אַזוי שטאַנדהאַפט געוועזען! דערמאָן דיך נאָר, ווען דו ביזט, נישט היינט געדאַכט, קראַנק געוועזען. דו ביזט דעמאָלט געוועזען געפעהרליך, אַלע זעמיר אַרומגעגאַנגען אָהן קעפּ, און דו האָסט געלאַכט און נאָך אונז צוגעגעבען מוטה. און היינט פאַלסט דאָך עפּיס גאָר איבער די הענד! שעהם דיך! ס'פּאַסט גאָרנישט אויף דיר.

שיינדעלע: און וואָס זאָל איך טהון? כ'קאָן מיך נישט פאַסען... אַזאַ טייער קינד... ס'מוטשעט מיך אַלץ דער געדאַנק, אַז איך בין אַלץ שולדיג...

אסתר'ל: אָבער וואָס טהוט זיך מיט דיר? דו האַלסט דיך ווייטער ביי די נאַרישקייטען?

שיינדעלע: כ'ווייס אַליין, אַז ס'איז נאַריש, כ'פערשטעה גאַנץ גוט, אַז ס'לוינט גאָרנישט צו קלערען וועגען אַזעלכע דומע זאַכען, און דאָך טרעט מיר דער געדאַנק נישט אָב אויף קיין רגע... (איראָניש) כ'האָב געוואָלט זיין אַ ביישפּיעל פאַר אַלע, געלאַכט פון דיר, פאַנאַטישע, פערשטעלטע דיך גערופען... און איצט בין איך זעלבסט גרייט... (פויזע) אסתר'ל, בעהאַלט ס'שערעל... ס'ליעגט דאָרט אויפ'ן וואַש-טיש.

אסתר'ל: וואָס שאַדט דיר, אַז ס'ליעגט דאָ?

שיינדעלע: ניין, כ'וויל נישט, ס'זאָל דאָ ליעגען (נעמט ס'שער'ל און גיט עס אסתר'לען) בעהאַלט עס ערגיץ דרינען. (אסתר'ל געהט צו דער טהיר) אסתר'ל, שיק עמיצען אַריבער צו קלמן שענקער: ס'איז שוין באַלד נישטאָ קיין אייז.

אסתר'ל: גוט, כ'וועל אַליין אַריבערגעהן. (אָב)

(שיינדעלע זעצט זיך אַנידער נעבען וויעגעל, נאָך אַ ווײַלע קומט אַריין דוד'ל).

דוד'ל: נו, וואָס הערט זיך?

שיינדעלע: וואו האָסט דו דעם דאָקטאָר?

דוד'ל: ער וועט באַלד אַריינקומען. ער וועט נאָר אָבקומען אַ פּאַציענט

און וואָס הערט זיך? ער האָט זיך גאָרנישט איבערוועקט?

שײַנדעלע: נײַן. (פּויזע, שײַנדעלע שטעלט זיך אויף) מ׳דאַרף שוין צולעגן
א פּריש טיכעל. (דוד׳ל געהט צום בעקען וואַסער, וואָס אויפ׳ן וואַש-
טיש) וואַרט, כ׳וועל אַרויפּבריענגען פון קעלער. דאָס וואַסער איז
שוין וואַרעם. (געהט אַרויס. טרעפט זיך אין טיר מיט מירעלען).

מירעלע: וואו געהסטו אַזוי בלויז?

שײַנדעלע: אין ערגיץ, נאָר אין קעלער. (אָב)

מירעלע: דער דאָקטאָר איז געוועזען?

דוד׳ל: נאָך נישט. ער וועט באַלד קומען.

(מירעלע געהט צום וויעגעל, קוקט צום קינד, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און וויינט,
געהט ענטשלאָסען צו דוד׳לען).

מירעלע: דוד׳ל! כ׳געה אין שוהל אײַנ׳ייסען... ס׳קינד ברויך גרויס
רחמים... (דוד׳ל געהט צום פענסטער מיט׳ן רוקען צום צושויער און ווישט
זיך די אויגען) און דו שמועס דאָ מיט שײַנדעלע׳ן... איך קאָן נישט...
זי האָט אָהן מיר אויך געגוג, וואָס זאָל איך איהר נאָך צו לעגען...
מײַנע ווערטער מאַכען איהר קרענקונג, כ׳בין פאַרט נאָר אַ שוויגער.
דו, אַ מאַן, קאָנסט גיכער... גיב איהר צו פערשטעהן... אַ גאַנצע
וועלט איז דאָך נישט משוגע... אַלע זאָגען, אַז מ׳ברויך עס צו טהון...
אפשר וועט דער אויבערשטער העלפען... אין דעם זכות. (אָב מיט אַ
געוויין)

ס׳קומט אַרײַן שײַנדעלע מיט אַ טעלער וואַסער אין דער האַנד. נעמט
אַ טיכעל, טונקט אײַן און דריקט עס אויס.

שײַנדעלע: דוד׳ל! (ער הערט נישט, העכער) דוד׳ל! (ער דרעהט זיך אום) קום
אַהער, וועסט איהם אונטערהאַלטען ס׳קעפּעל.

דוד׳ל (געהט צו): שײַנדעלע... שײַנדעלע... די מאַמעשי זאָגט, אַז דו
דאַרפסט... (צווויינט זיך)

שײַנדעלע (קוקט אויף איהם מיט אַ שטילען פאָרוואורף): דו אויך? דו זאָגסט
אויך, אַז איבער מיר? האָסט דו דען נישט אַלײַן געזאָגט,
אַז מען מעג?

דוד׳ל: כ׳ווײס נישט... זײַ נישט בײז, שײַנדעלע, כ׳ווײס נישט, וואָס
כ׳רעד... כ׳ווײס שוין אַלײַן נישט, וואָס מען מעג און וואָס
נישט, כ׳ווײס שוין גאָרנישט... (ער נעמט זי אַרום. זי לעגט אויף

קאָפּ אויף זײן ברוסט. װײנען בײדע שטיל)

שײנדעלע (כאַפּט זיך אויף): מען מוז צו לעגען ס׳טיכעל. (גײט צום װיעגעל אומרוהיג) װעה נאַר, ס׳קינד איז דאָך עפּיס אַזױ בלאַס! (לעגט צו די הענד צום קינד׳ס קעפּעל) ער האָט גאָר אַ קאַלט קעפּעל! (באַטאַפּט שנעל דאָס קינד מיט ציטערענדע הענד. מיט שרעק) ער איז דאָך אינגאַנצען קאַלט!...

(דוד׳ל לויפט צו) יוסעלע! יוסעלע! יוסעלע!...

שײנדעלע: יוסעלע! מײן טרײסט! (ס׳קומט אַרײן דער ערשטער ח״ק מאַן, גײט ראַש צום װיעגעל, גיט אַ קוק אויפ׳ן קינד און שרײַט צו דער טהיר: אַ ליכט!) מײן כשר קינד! יוסעלע!

ס׳קומט אַרײן דער צװײטער ח״ק מאַן מיט אַ ברענענדיג ליכט אין האַנד. ס׳קומט אויך אַרײן צו לויפען מירעלע, זי בלײבט שטעהן בײ דער טהיר, ברעכט זיך די הענד און װײנט הויך, די ח״ק לײט רוקען אָב אָן אַ זײט דוד׳לען און שײנדעלען, װעלכע שטעהען װי צומישט, שטעלען זיך בײ׳ם װיעגעל און זאָגען: אשרי תמימי דרך)...

דוד׳ל (לויפט איבער דער שטוב, ברעכט זיך די הענד): רבונו של עולם... דערבאַרעם דיך... רבונו של עולם, רבונו של עולם...

(שײנדעלע גיט זיך אַ כאַפּ, װי פון שלאָף, לויפט צום װיעגעל)

אַ ח״ק מאַן (פערשטעלט איהר דעם װעג): מ׳טאָר איצט נישט צו געהן...

שײנדעלע (שטופּט איהם אָב): אַװעק! מײן קינד... לאָזט מיך צו!...

מירעלע (לויפט צו, כאַפּט אַרום שײנדעלען און פיהרט זי מיט געװאַלד אַװעק, מיט געװײן): שײנדעלע... מ׳טאָר דאָך נישט... קינדער לעבען... מען מוז צו נעמען באהבה... אַזױ איז זײן ליעבען נאָמען׳ס װילען...

שײנדעלע: נײן, נײן, ס׳איז מײן קינד! מײן! לאָזט מיך! מײן איז עס!...

(ס׳קומט אַרײן דער דאָקטאָר. ער בלײבט אַ װײַלע שטעהן אין טהיר איבעראַשט. דערנאָך גײט ער ראַש צו, רוקט אָב די ח״ק לײט, לעגט און בויגט זיך נידריג איבער׳ן קינד. שײנדעלע בעמערקט נישט דאָס אַלץ און סאַרפּעט זיך צו בעפרײען פון מירעלען).

דוד׳ל (לויפט צו צום דאָקטאָר): ראַטעװעט מיר מײן קינד... ראַטעװעט איהם...

דאָקטאָר (שטעלט זיך אויף מיט אַ פרעהליך פנים): נו, דאַנקען גאָט! (שײנדעלע גיט זיך אַ ריס אַרויס פון מירעלעס האַנד און לויפט ראַש אַרויס, נישט הערענדיג דעם דאָקטאָר׳ס װערטער) ער האָט גליקליך אויסגעהאַלטען דעם

קריזים. (צו די ח"ק לייט) נעהמט אייך אייער וועג, ס'קינד איז אונזער.

(דוד'ל בלייבט שטעהן, ווי אין חלום. מירעלע לויפט צו צום דאָקטאָר)

מירעלע: וואס?... טאַקע?... געלויבט דער... (דער פריער-געוויין דערשטיקט איהרע ווערטער).

(דוד'ל קומט צו זיך, לויפט צו, דריקט דעם דאָקטאָרס האַנד, לויפט צום וויעגעל, קוקט צום קינד און דריקט ווידער דעם דאָקטאָר די האַנד. ער לאַכט און וויינט צוזאַמען און קאָן קיין וואָרט נישט אויסרעדען).

דאָקטאָר: נו, נו, פּאַסט אייך אַ ביסעל... פּאַסט אייך דאָך! מען מוז איצט טהון צו דער זאַך. (נעמט ארויס אַ נאָטיץ-ביכעל) מען מוז זעהן דעם פּולס צו הויבען. די הייץ איז מיט איינמאל אַבגעפּאַלען. (שרייבט שנעל)

מירעלע (וויל אַרויסלויפען, נאָר האַלט זיך צוריק. צו אַ ח"ק מאַן) כ'קאָן נישט אַוועקגעהן איצט. לויפט איהר אַריין, זאָגט דעם טאַטעשי, אַז ס'איז, ברוך השם, אַלראַס גוטס. זאָגט דריגען אַלע, אַז דער אויבערשטער האָט געהאָלפען... (I ח"ק מאַן אַב) און וואו איז ערגיץ שיינדעלע?

דאָקטאָר (ענדיגט ס'שרייבען, צו דודל'ן) דאָס מוז... נאָר איהר זענט צופיעל אויפגערעגט. (צום II ח"ק מאַן) לויפט איהר מיט דעם אין אַפּטייק. נאָר שנעל. מען מוז דאָס באַלד האָבען. (II ח"ק מאַן אַב)

מירעלע: אָבער וואו איז ערגיץ שיינדעלע געלאָפען?

דוד'ל: זי איז דען נישטאָ? (קוקט זיך אַרום אונרוהיג און מאַכט אַ בעוועגונג צוגעהן זי זוכען)

(ס'קומט אַריין צו לויפען שיינדעלע. די האָר אָבגעשווירען און צופלאָשעט. אין דער האַנד האַלט זי די נאָר וואָס אָבגעשווירענע צוויי לאַנגע דיקע צעפּ. דוד'ל און מירעלע בעמערקען דאָס נישט און לויפען איהר אַקעגען)

דוד'ל און מירעלע (אָבגעהאַקטע ווערטער): אונזער קינד... אַלראַס גוטס... געלויבט דער אויבערשטער... וועט געזונד זיין... אַלראַס גוטס...

שיינדעלע (שטופּט זיי אָב): אַוועק! כ'בין שוין נישט קיין זינדיגע! מיין קינד! מיין קינד! (פאַלט אַרויף אויפ'ן וויעגעל) נשמה מיינע, דו וועסט נישט שטאַרבען... דיין מאַמע האָט תשובה געטהון... יוסעלע!...

דוד׳ל און מירעלע: אָבער שיינרעלע... ס׳איז דאָך אַלדאָס גוט׳ס, ברוך השם... דער אויבערשטער האָט שוין...

שיינדעלע (הערט גאָרנישט. שטעלט זיך ראַש אויף, שטרעקט אויס אין דער הויך די האַנד מיט די צעפּ האָר): גאָט! האָסט געוואָלט מיינע האָר — אָט האָסט דו זיי און גיב מיר צוריק מיין יוסעלען! מיין קינד גיב מיר צוריק! (הארצרייסענד) מיין קינד!...

זי פאַלט אין אָהנמאַכט. אַלע לויפען צו.

(פאָרהאַנג).

נאָרדוי'ס מעשה'ליך

די דאָזיגע מעשה'ליך זענען פאַר קינדער אויז פאַר גרויסע. יאָם קינד וועלען פעראינטערעסירען די קאָמישע האַנדלונגען, די ריהרעוודיגע סצענעס, וואָס ברענגען אַזוי צום לאַכען. שוין באַלד אין אָנהויב פון דער „מעשה מיט קעץ, וואָס האָבען קיין מייז נישט געוואָלט חאַפּען", ווילט זיך לאַכען. אָט ווי עס ווערט געשילדערט: „זי (די גרויסע קאַץ) איז געוועזען די מאַמע פון פינף רייצענדע קעצליך, אַ שוואַרצע, וואָס האָט געהייסען מיזע, אַ ווייסע, וואָס האָט געהייסען ליזע, איינע האַלב שוואַרץ, האַלב ווייס, וואָס האָט געהייסען פור, איינע מיט ברוינע און גרויע פלעקען, וואָס האָט געהייסען מור, און איינע מיט שוואַרצע און גרויע פאַסען, וואָס האָט געהייסען הינץ. פור און מור און הינץ זענען געוועזען קאָטערס, ליזע און מיזע — קעצליך. אַלע צוזאַמען, ברידער און שוועסטער, זענען נאָך געוועזען חדר-קינדער. זיי האָבען שוין געקענט ברומען און בורטשען, יאָמערן און מיאַוקען, קלעטערן און מיט די נעגעל קראַצען, זיך דאָס פעל רייניגען און מיט אַ בענעצטער לאַפּע דאָס געזיכט וואַשען. איצט האָט זייער טוטער אָנגעהויבען זיי מיט דער העכערער וויסענשאַפט בעקאַנט צו מאַכען. דאָס הייסט, זי האָט זיי געלערנט חאַפּען מייז. דאָס איז גאָר נישט לייכט געוועזען"... א. א. וו.

פאַר דעם דערוואַקסענעם מענשען ווידער ליגט אין די דאָזיגע מעשה'ליך בעהאַלטען אַ טיעפער געדאַנק, אַ שאַרפזיניגע שטעל, אַנ'אַלעגאָרישע כונה, און נישט-ווילענדיג וועט ער נאָכדעם זיך פערטראַכטען וועגען וועלט און לעבען, וועגען מענש און דעם ארומיגען. און פאַר אונז יודען האָבען אָט די מעשה'ליך גאָר אַ בעזונדער חן: זיי האָט געשריבען דער ליעבער ווייסער נאָרדוי, יענער שענער מעכטיגער אייראָפּעאישער יוד, וועלכער איז אונז אזוי טייער און נאָהענט...

פרייז 50 קאָפּ'.

Э. ГИТЛИНА, Варшава, Налевки Ивановскій Базаръ